STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05025

SHTERN DERKENEN DIKH

M. Yungman

Permanent preservation of this book was made possible
by Jonathan Blackman
in memory of
Nathan M. Blackman

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

1982—1922

משה יונגמאַן

שטערן דערקענען דיך

לידער

פאַרלאַג י.ל. פרץ ישראל
תל־אביב, תשמ״ה — 1985

משה יונגמאַן
שטערן דערקענען דיך

Moshe Yungman

SHTERN DERKENEN DICH

Poems

©

פאַרלאַג י.ל. פרץ, תל־אביב, רח׳ ברנר 14
I.L. Peretz Publishing House
14, Brener Str., Tel-Aviv, ISRAEL

נדפס בישראל, תשמ״ה
Printed in Israel, 1985

דאָס בוך דערשיינט מיט דער מיטהילף פון
פנחס און חיה הובערמאַן־פאָנד, וואַנקוווער, קאַנאַדע;
פון פאָנד פון חנה שאַרגעל צום אָנדענק פון איר מאַן
אברהם־שמואל ז״ל

אַברהם סוצקעווער

לזכּר משה יונגמאַן

מיר האָבן זיך געזעגנט אַן געזעגעניש. און יעדער
האָט מיטגענומען ווי אַ ברויט געטיילט אויף צוויי אַ ברכה.
נאָר ער — אַ יונגער מלאך האָט אַ קוש געטאָן זײַן פֿעדער
און ס'האָט זי דער פּאָעט געטאָן אַ זוניקן צעפֿאָכע

מיט זינגענדיקע שמייכלען איבער וואַקסנדיקע היימען
פֿון רויטע ייִדעלעך און אַנגעפֿלויגענע פֿון תּימן —
געזעגנט האָט זיך אויף אַן אמת. טאַקע אויף אַן אמת.
ער לעבט אין זײַנע שמייכלען : זײַנע לידער און פּאָעמעס.

אַצינד — איך זאַמל זײַנע שמייכלען, זאַמל זיי און סילע
אויף שנייִדיק־זוכנדיקע שורות ווי אויף שוואַרצן פֿאָדעם
און זע דעם זינגער און פֿאַרנעם זײַן שמייכלענדיקע תּפֿילה,
און זע דעם זינגער אָנגעטאָן אין שמייכלענדיקע בגדים.

איך האָב אים ליב געהאַט, ווי ער — זײַן גאַליציאַנער טאַטן
מיט זאַק לבֿנות קרעכצנדיקע איבער די קאַרפּאַטן.
באמת, האָבן מיר זיך דען געזעגנט אויף אַן אמת ?
ער לעבט אין זײַנע שמייכלען : זײַנע לידער און פּאָעמעס.

דעם 2טן יאַנואַר 1983

פײַער־פֿויגל

פײַער־פויגל

פײַער־פויגל — אַלע זונען אין דיר
אַלע שטערן אין דיר.
דו, אַרויסגעקומענער פון אַש,
דו, צעבליטער איבער דער איינזאַמקייט.
הויכער דו,
און דאָך אַזוי פאַרוואָרצלטער אין אונדזער בלוט.
קליינע כאַטעס האָבן מיר אויסגעשטעלט איבער אַש,
נײַע שויבן אויפגעעפנט צו דיר,
הונגעריקע.
פאַרזיי שטערן איבער די דעכער,
פיל אָן אונדזערע שטיבער מיט ליכט,
מאַך אַ וועג פאַרן ליכט.
גיב אונדז צוריק דאָס גראָז,
גיב אונדז צוריק די קוואַלן,
אונדזער וואָרט גיב צוריק,
וואָס איז פריִער טונקל געווען.
זאָל וואַקסן דאָס וואָרט,
זאָל עס זײַן פשוט נאָר שטאַרק,
זאָל עס זײַן יונג און וואַרעם,
בויג זיך אָן,
דערהייב עס,
פײַער־פויגל,
רכב־האָש.

פײַער־פויגל —
הויך איבער די בערג.
אונדזערע דערפער, אונדזערע ווײַסע שטעט
טוען תּפילה צו דיר,
פײַער־פויגל.
דו, וואָס דו נעמסט אַלץ אַרום
דו, מיט דײַן קאָפּ אין אייביקייט —
בלומען אויף דײַנע פליגל —
וואַרף אַראָפּ.
שטערן אין דײַנע אויגן —
היל אונדז אײַן.
וויפל נאָך קוואַלן אויפמאַכן אין אונדז,
דו זאָלסט זיי אָנטרינקען
מיט דײַן בלאָער, ציטערדיקער שײַן,
פײַער־פויגל.

ווען איך זינג צום פײַער־פויגל, —
ווען בלאָע קלאַנגען פליִען אַרויף צום פײַער־פויגל —
פילן זיך אָן גאַסן מיט ליכט,
קומען קינדער אַרויס מיט טאַצן־פּויקן,
בלומען מאַכן אויף זייער מויל,
קוואַלן שטיין געבליבענע אין מיטן נאַכט
הייבן אָן ווידער שפּרינגען
איבער סקאַלעס.
פײַער־פויגל,
דײַנע קרײַזן אין הימל,
דײַנע לאַשטשענדיקע פליגל
אין ווינט...

ווען איך זינג אַרויף צום פֿײַער־פֿויגל,
ווען איך מאַך אויף די פֿענצטער צום פֿײַער־פֿויגל —
זענען אַלע ווערטער גוט,
זענען אַלע ווערטער טשערעדעס
וואָס ווייסן דעם וועג,
אַזעלכע אָנהייבן דאָ
וואָס גליִען איבער גאָלדענע הערנער,
אַזעלכע יונגע גראָזן
וואָס צעשפּאַרן דעם האָריזאָנט...

ווען איך זינג אַרויף צום פֿײַער־פֿויגל,
ווען איך שפּרייט אויס לידער
צופֿוסנס דעם פֿײַער־פֿויגל,
ווערן אַלע היימען נאָענט,
קריגן אַלע היימען פֿליגל.
צו דיר, פֿײַער־פֿויגל, און דײַן וואַרעם אויג,
צו דיר און צו דײַן שטראַליקן מאַנטל,
די טאַטעס און מאַמעס — צו דיר,
ביימער און בלומען — צו דיר,
קינדער אין קרײַז
פֿליעסקען,
טאַנצן
צו דיר...

1948

אין יענעם יאָר
האָבן שטערן איבער אונדז געוואַכט.
זיי זענען געקומען פון די טונקעלע גאַסן,
פון ים,
פון די גראָזן
ווו זיי זענען געלעגן אויסבאַהאַלטן.
אַרומגעשפּאַנט האָבן מיר
און געהערט זייער שעפּטש.
צוזאַמען מיט דער גרויסער האַנט
וואָס האָט אונדז אָנגעכאַפּט פאַרן קאַרק
און אונדז צונויפגעטריבן,
האָבן מיר אויך געפילט
די שטערן וואָס פאַלן אין אונדז אַריַין.
געוועז אַ טיף אויפמאַכן זיך,
אַ טיף אַרומזוכן אין זיך
און זיך געפינען.
געוועז בלאָע פייַערלעך
וואָס האָבן געוווּנקען
און מיר זענען נאָכגעגאַנגען.

זענען געשטאַנען די טעג
אײַנגעהאָרכטע אין ווײַטקייטן.
ס'איז גאָר קיין מאָל
אַזאַ גרויס שווײַגן ניט געווען,
אַזאַ גרויס וואַרטן.
ביימער האָבן זיך טיפער
אַראָפּגעלאָזט צו די וואָרצלען.
שטיינער האָבן געקניט,
אײַנגעבויגן מיטן אויער צו דער ערד
האָבן מיר געהערט
ווי די צײַט טריפט, טריפט,
וועט זיך באַלד אָפּשטעלן
בײַ אונדזער טיר.

אײַנגעוויקלטע אין לאַנגע שינעלן,
מיט אַ וואָלענעם מיץ אויפן קאָפּ,
איז מען געלאָפן איבער אייגענעם שאָטן,
האָט מען געקלעטערט אויף לייטערס
וואָס זענען געוואַקסן פון אייגענעם האַרץ.
געשלאָפן איז מען אין גריבער,
אונטער סאַברע־קוסטעס,
וואָס האָבן פאַרשטעלט אַ גרויסע, רויטע לבנה.
אויפגעשטאַנען איז מען צעקנייטשט,
מיט אַ סך שטעכלקעס אין לײַב.
מ'איז געווען געגליכן צו אַ יעזש.
מ'האָט געוואָלט לעבן.

אין יענעם יאָר
איז מען העכער געוואָרן.
מ'האָט געקאָנט אָנרירן די הימלען
און זיי אָפּפאַרבן בלאָ.

אין יענעם יאָר
האָט מען אין זיך געפילט קוואַלן
וואָס האָבן געפירט
פון שיכּרות צו שיכּרות.

אין יענעם יאָר
זענען ווערטער געשטאַנען אָנגעזאָטלט פאַר דער שוועל.
זיי האָבן געהאַט פליגל
מ'האָט זיי געקאָנט צונויפרופן
בלויז מיט אַ פייַף.

פחד,
געקומען הינטערוויַנלעכץ,
געקומען מיט פאַלשע טריט.
ער האָט אַריַינגעטליִעט
מיט צאַנקענדיקע ליכטלעך פון די בערג;
ער האָט געעקבערט
מיטן רעש פון מאַשינען איבער אַספאַלטן;
דין,
מיטן געוויין פון טויזנט שאַקאַלן
איז ער נאָכגעלאָפן
אַרויפגעוואָרפן איבער אונדז
זיַין נעץ.

האָט מען געזען דאָס פֿאָלק דאָס אַנדערע,
דאָס פֿאָלק וואָס גייט מיט די וואָרצלען פֿאָרויס,
שטעקט אַרײַן די וואָרצלען אין יעדן ערדשפּאַלט,
דאָס פֿאָלק דאָס אַנדערע
וואָס האַלט זונען אויף שפּיץ צונג
און די צונג ברענט —
נאָר ווערט ניט פֿאַרברענט,
האָט מען געזען דאָס פֿאָלק דאָס אַנדערע,
דאָס מיט די נעגל,
דאָס מיטן בלויזן מידבר,
ווי אַ גרויסער ווינט איז עס געשטאַנען
און האָט אַלץ אַרום זיך קליין געמאַכט,
ווי אַ שאָטן וואָס האָט אויסגעטרונקען דאָס ליכט
און געזאָגט: ניטאָ מער קיין שאָטן.
האָט מען געזען דאָס פֿאָלק דאָס אַנדערע,
דאָס פֿאָלק וואָס גייט מיט די וואָרצלען פֿאָרויס.

חיפה 1948
(בלעטער פון א טאגבוך)

א שבט

שבט. אַ טאָג ווי אַן אָבל.
ס'האָגלט אין דרויסן. ס'גיסט.
צי האָגלט דען? ניין! ניט קיין האָגל.
אין וואַדי רושמיאַ מ'שיסט.

גאַסן — פון בלײַ אויסגעגאָסן.
ציינער — אין פחד פאַרקריצט.
אַ שעפטש הענגט אין לופט ווי אַ יתום:
אין וואַדי רושמיאַ מ'שיסט.

אויטאָבוסן בלינדע פון רעגן.
מענטשנריי. עמעץ פאַרדריסט:
„ווי וועט זיך שאָפער דערוועגן?
אין וואַדי רושמיאַ מ'שיסט!"

דער כּרמל — הויך, פאַרלאָשן.
פון ווײַטן אַ ים־כוואַליע שפּריצט.
צי הערסטו? צי האָסטו נאָך לשון?
אין וואַדי רושמיאַ מ'שיסט!

ב מ׳שיסט

איז מען געשטאַנען, ווי ביי אַ שׂרפה
אויף גאַס און אויף דאַך,
אויף גאַס און אויף דאַך.
האָט מען געשטופּט זיך ווי ביי אַ שׂרפה
אויף גאַס און אויף דאַך,
אויף גאַס און אויף דאַך.
האָט מען געהערט: מ׳שיסט אינעם וואַדי,
מ׳שיסט אינעם וואַדי
און קיינער האָט העלפן ניט געקענט.
קיינער האָט העלפן ניט געקענט.

ג אין ריי

זענען געשטאַנען
אַרייַנגעפּרעסט איינער אין צווייטן —
מענטשן פון אַרבעט,
ווייַבער פון קיכן,
טאָגלוינער מידע
פון די קריות,
איבערגעשראָקענע מאַמעס
און קינדער.
אייַנגעהילטע אין בלינדן ליכט פון דער גאַס,
לענג־אויס טויער און ווענט
געוואַרט —
מיט הילצערנע הענט.

ד דער פאַנצער־מאַשין

וועט קומען דער פאַנצער־מאַשין און — ס'וועט גוט זײַן.
...וועט מען אַרײַנגליטשן זיך
אין זײַן נאַכטיקן בויך ווי אין אַ טונעל,
אײַנקנוילן זיך ווי צו „שיבעה",
איינער בײַם צווייטן,
איינער אין צווייטן.
און ווען אָרעמס און גופים
וועלן בײַם פינטל פון לעמפל
דעם בלאָען
זיך צונויפגיסן אין אַ חיִישן אור —
וועט די חיה
פּלוצעם אויסשטעלן
צענדליקער אויגן
בייזע
צום שאָפער:
„פאָר!"

ה איבער דער בריק

קײַקלט אַ פאַנצער־מאַשין זיך פון באַרג.
קײַקלט זיך שווער.
קײַקלט אַ וועלט זיך צום תהום
מיט מענטש און מיט טרער.
שטיינער אויף שטיינער!
זע, סאַראַ גריבער!
נאָר דער פאַנצער אַריבער.
פליט איצט אין האַסט.
ווײַל בלינד איז די נאַכט
און טײַער די לאַסט.

צי די ווענט גענוג דיק ?
דער מאָטאָר פֿאַרשטעלט ?
צי ליגט ניט אַ מינע
אין ברוק אײַנגעקלעמט ?
פֿאָר !
אַלץ פֿאָרויס !
טרײַב !
ניט פֿאַרבלײַב !
צי האָט ניט אַ ראָד גאָר פּלוצעם געפּלאַצט ?
סתּם ! געבראַזג !
שאָפֿער, יאָג !
ווײַל ווײַט נאָך דער וועג
און טײַער די לאַסט.

...יאָגט אַ פּאַנצער־מאַשין
לענג־אויס ליקל און גאַס.
אויף זײַן דאַך,
אָנגעצייכנט מיט קרײַד,
אַ ווײַסער פּאַס.

אַ ווײַסער פּאַס שלענגלט זיך
צווישן בריק און פּאַרענטש.

יאָגט אַ פּאַנצער־מאַשין
מיט זײַן מידער לאַסט :
מענטש.

ו דערוואַרטונג

אָפּגעשאָסן אַ טאָג.
און ווען נאַכט קומט צו גיין,
ווען מידקייט גראָע שפּרייט זיך אויס
איבער גאַסן ;
ווען הינטער די פאָסטנס
הייבט זיך אָן צו באַוועגן די שטאָט פון דאָס נײַ —
ווערן די קולות פון דורכגייערס — ווײַט.
און ווײַט — דאָס קול פון סירענעס.
פּינטלען פּלוצעם ליכטלעך אויף,
יונגע, פונעם כּרמל.
און די שטאָט,
גאַנצע שטאָט
מיט מויער און שוועל,
מיט פאָסטן און וואַכט —
טוט, אויף אַ ווײַל,
זיך אַ שמייכל אָן
פון דערוואַרט.

ז נאַכט

די שטאָט שלאָפט.
צעבראָכן פון טאָגיקער שרעק,
פון קוילן־געזשום,
פון טעם פון סוף —
צוגעטוליעט צום טונקעלן בויך
פונעם באַרג,
גרויס,
די שטאָט שלאָפט.

שאַ.
קיין איין שטוב דערוועקט ניט קיין ליכטל
אין זיך.
לאָדן צו.
סטאַציעס בלינדע
גליווערן.
רו.

שאָטנס זיך שלייַכן
מיט לעמפּלעך בלאָע —
די וואַכט.
שטאָט שלאָפט,
ווי אַ יעזש.
געשפּאַנט, מאוימדיק.
נאַכט.

ח פּרילינג

הייבן זיך שאָטנס אויף פון דער ערד.
אין ליכטיקע נעכט
הערט מען שוין דעם זיסן שעפּטש
פון באַשאַף:
וואַקס אַרויס, וואַקס אַרויס...
די טעג זענען טראָפּנס פון טוי
אויסקרישטאָלט אין דער לופט.
אָט וועט פאַרנעמען דער קלונג זיך
אין גלאָק פון די הימלען:
פּרילינג שוין. צייַט.

נאָר דו, שטאָט געפּענטעטע,
קריצסט נאָך אַלץ מיט די ציין,
דערשטיקט ווערסט פון רויך
און פון צאָרן אָן ברעג.
נאָך צאַפּלסטו,
קנוילסט איַין דיַינע פּויסטן און האַרץ
אונטער פּחד און פּלאָג.
און וואַרטסט אויפן טאָג.

ט קאַיאָר

זע — דער קאַיאָר!
לאָז אים אַריַין צו דיר, שטאָט.
לאָז אים זיך אַריַינגנבענען
דורך דיַינע שפּאַרעס פון טירן;
זיך דורכשליַיכן
מיט איַינגעהאַלטענעם אָטעם
צווישן דיַינע הויכע שטיבער;
אָפּוואַשן מיט זיַינע ווייכע הענט
דיַין בליַישווערן קאָפּ,
קושן דיַין שטערן דעם בלייכן
און דיַינע אויגן,
די בלינד געוואָרענע פון וויינען.
לאָז אַריַין דעם קאַיאָר אין דיר,
שטאָט!

לאָז אים אויסהיילן די ווונדן
מיט וועלכע ס׳האָט דיך געשלאָגן די נאַכט;
אין ווינדלען וויַיסע איַינוויקלען
דיַין צעבראָכענעם גוף;

אַרויסטרײַבן דײַן פּחד.
און ציטערדיק,
און איידל ביז גאָר,
אויפהייבן דיך אויף זײַנע פליגל
צום ליכט,
צו די הימלען...

אָט האָט אויך דער כּרמל
דערהויבן זײַן קאָפּ
צו דער שטילקייט
און האָרכט.

שיקט אויך דער ים
זײַנע גאָלדענע פישלעך
די ערשטע
פון ווײַט.

און אויך דאָס קול פון די ביקסן
פאַרשטומט שוין.

צי הערסטו דאָס שעפּטשען
פון טוי אין דער לופט?
קאַיאָר קומט...
לאָז אים אַרײַן, דעם קאַיאָר.
זאָל זײַן ליכט.

יזכור

קינקולקינער ז״ל

אונטער דעם חרמון־באַרג ביסטו געפאַלן
אונטער דעם חרמון־באַרג וואָס אומעטיקט אין ווײַסקייט
און אומעטיקט איצט מער פון זינט דו ביסט געפאַלן...

האָט אין דײַן יונגן אויג דער ירדן אַלע שטראַלן
פון זון נאָך מער צעשפּילט און גינגאָלדיק צעגאָסן
און דיך באַגלייט מיט מורמלענדיקער תּפילה...

זענען די ווינטן פון דער נאַכט געוואָרן שטילע
פינגער, לכּבוד דיר, אָפּוואַשן מיט ראָסע
דײַן הייסן שטערן פול בלאָ־אויגיקע חלומות...

האָט אויך די מאַמע ערד מיט הונדערטער לשונות
פון לעבעדיקן יש דיר אויסגעשפּרייט איר בוזעם
דיך אָנצוזעטיקן מיט פײַערדיקע קוואַלן,

נאָר ווײ... אין מיטן ליד, מײַן יונגער העלד,
געפאַלן ביסטו אונטער דעם חרמון־באַרג וואָס אומעטיקט אין
ווײַסקייט
און אומעטיקט איצט מער פון זינט דו ביסט געפאַלן...

ראש־פּינה, 1948

געזעגענונג

די האָפענונגען בײַם ראַנד פון טאָג
פאַרנעפלט — גרין, פאַרנעפלט — גרין
אַלעען פירן אָפּ דעם טאָג
ווער ווייסט וווהין? ווער ווייסט וווהין?

איבער דעם חרמונס ווײַסער ברעם
אַ רויטער קרײַז, אַ רויטער קרײַז.
וועל איך דעם חרמון ווידער זען,
ווער ווייסט צי ווײַס? ווער ווייסט צי ווײַס?

פאַרקלינגט אין אָוונטיקן ווינט
אַ לעצטער קלאַנג, אַ לעצטער קלאַנג.
אַוועק בין איך פון ווײַב און קינד
שוין אַזוי לאַנג, שוין אַזוי לאַנג...

ראש־פינה, 1948

אַבו־עגיילה

זון האָט אויסגעקלאַפּט די ווײַטקייטן אַרום פֿון קופּער,
מיר רײַטן אום אויף דזשיפּן, קופּערנע, מיט לאַנגע בערד.
קיין מן ניטאָ, נאָר האַרטע, שטיינערנע שקאָרלופּן,
און פֿלאַם וואָס מידבר האָט שטאָט וואַסער אונדז באַשערט.

דער דאָרן ברענט און ס׳דונערן די שטיינער,
און הימל לאָזט אַראָפּ זיך רויט פֿון ראַנד צו ראַנד.
באַוואָרנט זײַ, ווײַל נאָר דײַן האַרץ איז דיר אַ שומר.
באַוואָרנט זײַ, ווײַל נאָר פֿינף קליינע פֿינגער האָט דײַן האַנט.

פֿון הינטער זײַלן רויך מאַכט אויף איר מויל אַבו־עגיילה.
אין גליווער פֿון מײַן וואַרעם בלוט כ׳פֿאַרנעם איר קול.
וועט אויפֿקלײַבן אַ מאַמע שפּעטער טרערן אין פֿאַטשיילע
נאָך קליינעם זון אירן וואָס האָט פֿאַרמאָסטן זיך מיט שטאָל...

דער דאָרן ברענט און ס׳דונערן די שטיינער
און הימל לאָזט אַראָפּ זיך רויט פֿון ראַנד צו ראַנד.
באַוואָרנט זײַ, ווײַל נאָר דײַן האַרץ איז דיר אַ שומר
באַוואָרנט זײַ, ווײַל נאָר פֿינף קליינע פֿינגער האָט דײַן האַנט...

ניט מורא, מאַמע, האָב פאַר זון דײַנעם אין פלאַמען;
ניט מורא פאַרן שטאָל וואָס שטעלט אַקעגן זיך אין וועג.
דער רויכערדיקער באַרג — איך בין אַ מאָל שוין דאָרט געשטאַנען
נאָר דאָס מאָל האָב איך מער מײַן פּנים ניט פאַרדעקט.

דער דאָרן ברענט און ס'דונערן די שטיינער
און הימל לאָזט אַראָפּ זיך רויט פון ראַנד צו ראַנד.
באַוואָרנט כ'בין, ווײַל ס'איז מײַן האַרץ אין מיר אַ שומר;
באַוואָרנט כ'בין, ווײַל וואַכעדיקע פינגער האָט מײַן האַנט...

1956.11.12

גלײַך ס'וואָלט מלחמה ניט געווען

גלײַך ס'וואָלט מלחמה ניט געווען,
גלײַך ס'וואָלטן נעכט ניט לויערן
מיט טויזנט הענט,
גלײַך ס'וואָלטן טירן ניט געשטאַנען
אָנגעשפּיצטע צו אַ בשורה
און טריט אין דרויסן —
לעכער מיר געלאָזט אין האַרץ.

שפּרייט איך הײַנט אויס דעם טיש,
צינד אָן אַ בלאָען נאַפטלאָמפּ אויף דער וואַנט,
פֿאַרשפּין איך זיך אין קליינעם קרײַז
פֿון ווערטער,
וואָס זייער ריח נאָך געבליבן גאַנץ.
לאָז זיי פֿאַרשטעלן מיך אין טיף
הינטער אַ מאַנטל ווו ניטאָ קיין טויט,
אָנקניפּן פּעדעם צו אַ נײַעם טאָג
אויפוועקן בלומען אין אַיעדן אויג.
אָפּנאַרן זיך,
אַז אַלץ נאָך ווי געווען.

1968.11.14

מײַן זון בײַם ים־סוף

מײַן זון בײַם ים־סוף
פּירט מלחמות פֿאַר מיר,
פֿאַר מײַן טאַטן אין מיר,
פֿאַר אַלע ייִדן
וואָס האָבן זייערע מלחמות
בײַם ים־סוף
ניט אויסגעשפּילט,
געשפּיגלט זיך אין נס,
באַהאַלטן זיך אונטער דער באָרד
פֿון אליהו הנביא,
דורות־לאַנג געוואַרעמט זיך
בײַם חלום פֿון משיח,
וואָס אַז ער'ט קומען,
וועט ער פֿירן זיי
פֿון ס'נײַ צום ים־סוף
שפּאַלטן אַ וועג ———
מײַן זון,
וואָס האָט משיחן קיין מאָל ניט געפֿילט אין זיך,
פּירט הײַנט מלחמות
פֿאַר אונדז אַלעמען,
די שקלאַפֿן פֿון
משיח...

1973.11.20

אין יענע טעג

אין יענע טעג האָט וועלט אַוועקגעדרייט איר פּנים
און געבליבן בלויז — וואַנט.
אין יענע טעג האָט אַ האַנט אָנגעהויבן צו שרײַבן
ווערטער וואָס האָבן קיין טאָלק ניט געהאַט.
בלאָע בלומען אַרויסגעריסענע מיטן וואָרצל
האָבן געפּרוּווט זיך אָנכאַפּן אין הימל,
נאָר דער הימל איז מיט אַ מאָל געוואָרן שוואַרץ.
ווינט האָט געבלאָזן און אַלץ איבערגעקערט.
אויסגעליידיקטע אויגן האָבן געזוכט, געזוכט,
נאָר ניט געוועזן מיט וואָס זיי פֿאַרפּולן.
אויגן געבליבן אַליין.
וואַנט געבליבן אַליין.
איך — אויך.

אַזוי פיל טרערן

אַזוי פיל טרערן ליגן אָנגעגרייט פאַר דער טיר.
פרשה: „לך לך",
די זיבן גוטע יאָר וואָס אַוועק מיטן רויך,
דער שפיגל וואָס ווערט אַלץ מער געקנייטשט
ווען ער קוקט דיך אָן...

שפינוועבס וואָס האָט אַ מאָל אַזוי חנעוודיק
באַצירט די בלומען אין דײַן גאָרטן,
געכאַפּט דאָ אַ טראָפּן טוי, דאָ אַ רעגן־בויגן —
איז איצט ווײַס בעלמעדיק,
פאַרקאַלכט אַלץ מער דעם מוח.

קאַלט. ווינט בלאָזט.
צי דען אַלע שויבן אויסגעזעצט?
צי דען ניטאָ ווער ס'זאָל אָפּמעקן
די צייכנס וואָס אויף דער וואַנט?

מלחמה 1982

פון אַלע טרערן די פּאַרגאָסענע
דורך מאַמעס 1982
האָב איך אויסגענייט אַ שטערן־טיכל
און אויך זיך אַרײַנגענייט אין אים.

פון אַלע גראָזן די צעטראָטענע,
פון טאַנקען אין מלחמה 1982
האָב איך אויפגעהויבן איינס אַ ניט־צעטראָטנס
און עס אָנגעצונדן אין מײַן אויג.

און פון די ברעקלעך הימל,
שערבלעך זון,
האָב איך געפּרוּווט צונויפשטעלן
פון ס'נײַ אַ וועלט.

ראָש השנה תשמ״ג

ראָש השנה תשמ״ג
האָט מען געשאָכטן די זון.
טויזנט מענטשן,
צווישן זיי קינדער, פרויען און קראַנקע,
האָבן געזען אַרײַנקומען די שעכטער
און אויפהענגען דעם הינערפלעט.
אַזאַ שיינע זון געווען
אַ האַרבסטיקע און גוטע
און ווען מ׳האָט זי געשאָכטן
איז גערונען איר בלוט,
זייער בלוט.

אַ וועלט איז אונטערגעגאַנגען
מ׳האָט מער גאָרנישט ניט געהערט.

פחד לויפט מיר נאָך,
צינדט אָן דעם הימל איבער מײַן קאָפּ
גאָלט אָפּ דאָס גראָז הינטער מײַנע טריט.

מיט לעצטע ווערטער
פּרוּוו איך פאַרשטעלן די נאַקעטקייט וואָס אין מיר,
נאָר זיי זענען צו קליין.

די בלומען וואָס וואַקסן אויפֿן באָ־פּאָר
וועלן האָבן היינט אויך אַ טראָפּן פֿון אים
טונקל־רויט אַזוי ווי באָרדאָ.
ניט קיין בלאָ בלוט ביי אים געווען
נאָר אַזוי איז שוין די פֿאַרב פֿון ווייטיק:
טונקל־רויט אויסגעמישט מיטן כליפּ פֿון אַ מאַמען
מיטן שמייכל פֿון מיידלשע ליפּן נאָכן ערשטן קוש.
דאָס האָט ער אין זיך געטראָגן אויפֿן וועג באַרג־אַרויף.
שווער איז אים געווען און געדיכט
אָנגעפּיקעוועט מיט אַ סך טעג,
אָנגעפּראָפּט מיט אַ סך שורות,
וואָס זענען געוואָרן בלומען,
בלומען אַרויסגעשפּראָצטע אויפֿן באָ־פּאָר.
טונקל־רויטע,
זאַפּטיקע
אַזוי ווי באָרדאָ.

אין דער פעל פון אלינאָווי

ק ה ל ת

איך האָב אַזוי פיל וועגן געמיינט אויסמעסטן מיט מײַן וואָרט,
נאָר ווײַטער פון מײַן אייגענער צונג
בין איך ניט דערגאַנגען —
אַלע וועגן פירן צום סוף אַהיים...
אַזוי פיל שטערן כ׳האָב אַרײַנגעשפּינט אין שויבן
געמיינט אָנוואַרעמען, געמיינט מאַכן בליִען די נאַכט —
בין איך געבליבן אין דער פרי אָן שטערן...
און טויזנט לייטערס האָב איך צוגעשטעלט צום הימל,
געוואָלט זיך אָנהאַלטן, געוואָלט מאָנען כאָטש אַ טרער —
האָב איך געפונען: ער איז ניטאָ...

חבלי־משיח

חבלי־משיח — ווייטיק און גליק,
ייִדישע ווערטער אויף פּאַפּירענער בריק.

מיט אליהו געקניפּט און געבונדן
הערן די ווערטער, פֿאַרהיילן די וווּנדן.

ייִדישע ווערטער פֿירן צוריק
צו אליהו הנביא, צו פּאַפּירענער בריק.

ווערטער און קלאַנגען ציִען זיך ווידער
צו פּאַפּירענע בריקן, צו ייִדישע לידער.

מיט אליהו הנביא געקניפּט און געבונדן
ווערן בעסער די ווערטער, קלענער די וווּנדן.

שלמה המלך

שרײַ, שרײַ אַז דו ביסט שלמה. קלאָג
אַז מ'האָט דיך אויסגעביטן על פּי טעות,
אַז דײַנע איז די קרוין און אַז דײַן מלכּה שבא איז
קיין בלענדונג ניט געווען. צעיאָג

די נעפּלען וואָס שלינגען אײַן דײַן טאָג
און שטעלן דיך אַוועק אין קאָן מיט חיות רעות.
שרײַ אַז דו ביסט שלמה. אַז אַחוץ דיר ניטאָ איז
קיין אַנדער מלך, אַז דײַן יעדער זאָג

ווערט אויסגעכאַפּט פון טויזנט קנעכט און היטער.
אַ ווונק — און כּישוף ווערט צעפּאַלן זיך אין שפּליטער;
אַ ווונק — און ווי אַ רויך ווערט פאַרשווינדן אַשמדאי

און דו אַרויסגיין וועסט פון פעלן שפּאָגל נײַ.
אַ גרויסע גלאָק אין דיר און פינקלדיקע קרוינען.
נישט אַזולאַי מער — שרײַ אַז דו ביסט שלמה!

דערהייבן צו אַן אָנהייב פרייד

מיר וועלן מוזן אָנצינדן אַ סך זונען,
אַ סך ליכט
כּדי צו קאָנען אָפּמעקן די ווּנדן אין אונדזער האַרץ,
כּדי צו קאָנען אַרויסרײַסן דעם ווייטיק פון אויגן.
אַ סך ווערטער וועלן מיר דאַרפן איבערבײַטן,
אַנדערע באַנײַען זייער קלאַנג.
אָנגעלאָדענע מיט אַ סך הויקערס,
וועלן מיר מוזן ווידער אָנקוקן זיך
און זיך אָנהייבן זען.

שטיינער אויסגעוואַרעמטע
וועלן מוזן ווידער ווערן
אונדזער צוקאָפּנס.
מיט אַ סך קליינע דראָבנע טריט
וועלן מיר מוזן ווידער צונויפנייען
גראָז מיט גראָז,
גרודע מיט גרודע,
כּדי צו וויסן
ווי לאַנג.

שטערן וועלן מיר מוזן
אַרויסקלאַפּן
פון אייגענעם דלות
און טרערן וועלן מיר מוזן
דערהייבן
ווידער צו אַן אָנהייב
פרייד.

אָן וועג

צוגעבונדענע צו דער זעלבער אַקס,
דרייען מיר זיך אין קאַרוסעל,
פּרווון דעריאָגן זיך אַליין.
האָבן ניט קיין צײַט
אַפילו אַרויפצוקוקן
אויפן שפּיץ מאַסט
ווו אַ קראָ זיצט,
שאַרפט דעם שנאָבל,
באָמקעט אונדז צו.

הײַזער פאַרשטעלן דעם וועג.
אַ מאָל געווען אַ סך וועלט,
הײַנט — בלויז אַ וואַנט.
וואָס טאָן מיט דער וואַנט?
שרײַבן אויף איר?
קלאַפּן אָן איר מיטן קאָפּ?
פאַרמאַכן די אויגן,
זאָגן: ניטאָ קיין וועג?

צווישן פאַרמאַכטע פנימער.
כ'ווער אויך פאַרמאַכט,
אָפּגעשטאָרבן.
הענג ניט אויף מיר אויס קלעפּסידרעס!
גענוג צו זען ווי כ'ווירע אויס אויפן פּאַפּיר
אַ בלאָען בוים מיט די וואָרצלען אַרויף.

שטערן דערקענען דיך

שטערן דערקענען דיך...
ווען דו זיצסט בײַם פענצטער
יעדן אָוונט אין דער זעלבער שעה.
זיי דערציילן דיר וועגן לבנה
וואָס איז נאָך ווײַט
נאָר זי אײַלט זיך קומען צו דיר.

גאַסן סיליען אויף שטערן,
פירן זיי אַהיים.
מאַמעס פלעכטן זיי אײַן אין פרימוס;
טאַטעס צינדן מיט זיי אָן לולקעס;
קינדער ליגן מיט אָפענע אויגן
אין בעטן.

פחדים

כ׳קום ווידער צוריק
צו די פחדים,
צו מײַן קליין פּנים אײַנגערעמט אין דער שויב בײַ נאַכט,
צו דעם שליאַך
פון וועלכן אַ גרינע לבנה גייט אויף.

כ׳קום ווידער צוריק
צו די מענטשן וואָס האָבן איבערגעלאָזט די שטאָט,
מחנותוויַיז
און בלויז זייער שאָטן דאָרט געבליבן.

כ׳שטעל זיך ווידער אַרײַן
אין ריי פון די לויפנדיקע.
עמעץ שטעלט ווידער אַוועק פאַר מיר
אַ טונקעלן וואַלד
דורך וועלכן מיר וועלן מוזן לויפן
אַן פיס.

געסלעך קליינע

געסלעך קליינע —
שטערן אויף אײַך,
לבנות אויסגעלייגט צו אײַערע פיס.

צי זענט איר גרעסער געוואָרן,
צי בליִען אײַערע ווענט?
צי זענען די טריט
וואָס איר פלעכט אַרײַן יעדן טאָג,
טריט וואָס וועלן דערפירן צו אַ ברעג?

שטערן דערפירן ניט צו אַ ברעג.
לבנות —
ווי העל זיי זאָלן ניט זײַן,
ווילן בלויז מע זאָל זיי ליב האָבן.

דאָס גרויסע שווייַגן אַרום

דאָס גרויסע שווייַגן אַרום,
די פאַרגליווערטקייט
וועקט אויף די טונדרע אין דיר,
צינדט אָן אַ פאַרזשאַווערטע לבנה,
פאַרבייַט דיך ווידער אין גלאַנץ.
דאָ שליטלט מען זיך ניט,
דאָ שרייַבט מען ניט שירים מער,
קיין פוסטריט,
פאַפיר זאַפט ניט אייַן קיין טרערן,
דאָס פנים וואָס האָסט אַ מאָל געשיקט פאָרויס —
אויסגעגאַנגען,
באַהאַלטן טיף אין שוואַרצאַפל — די שרעק.
וועק ניט אויף, רוף ניט אַרויס,
לאָז ניט ווידער פון תּהומען אַרויסשפּרינגען
וויוגע און וואָלף,
לאָז ניט דורך נעפּלען
צונויפשטעלן ווידער מייַן פנים
וואָס איז ווייַס און האָט ניט אין וואָס זיך
אָנצוהאַלטן.
אַ נייַ פנים איז אין מיר אָנגעוואַקסן.

לבנה גרינט אין שויב

לבנה, וואָס דו גרינסט אַרײַן אין דער טונקלקייט,
ביסט ניט מער מולד
איבער אונדזערע דעכער,
נאָר אַ שאַרפע שאַבריִע
צוגעשטעלטע צו אונדזער האַלדז.
דו קריכסט אַרויס פון הינטערן באַרג
און שפּיזט אויף אונדזערע האָר.
מיט קליינע פינגער
טײַטלען קינדער אַרויס דורך זייערע שײַבלעך
און דעקן זיך איבער דעם קאָפּ,
מאַמעס פאַרהענגען זיך מיט לאָדנס
נאָר דו דרינגסט דורך זיי אַרײַן.
לבנה, לבנה,
וואָס איך האָב דיך אויסגעפּערלט געהאַט פאַר מײַן שוועל
און איצט קוקסטו וועלפיש אַרײַן אין אונדזער בלוט...

צוריקקומען צו זיך

צוריקקומען צו זיך,
צו די אַלטמאָדישע ווערטער,
אַרײַנשטעלן אַ פוס ווידער
אין לאַנד פון אליהו הנביא,
ניט דעם פון פײַער־וואָגן,
נאָר דעם מיט דער ווײַסער זײַדענער באָרד,
זוכן אליהו הנביא אין קרײַז פון אַ נאַכטלעמפּל
נאָכגיין אַ סטעזשקע מיט ליכט
וואָס פירט צו אַן אוצר אין אַ טונקעלן וואַלד.

צוריקקומען צו זיך, צו דעם וואַלד
אין איינעם מיט שרעטעלעך און פעלדפערדלעך,
אָנטאָן זיך אין וואַלד
אין די שטערן וואָס גליטשן זיך אויף אים אַראָפּ,
מאַכן זיך פון די שטערן אַ וויגעלע — אַלטמאָדיש,
אויסקאָווען לידער פאַר אליהו הנביא
ניט דעם פון פײַער־וואָגן,
נאָר דעם מיט דער ווײַסער, זײַדענער באָרד.

צוריקקומען צו זיך צו די שטילקייטן,
אויסוואַרעמען שטילקייטן,
צעהענגען זיי — אַלטמאָדיש —
פון וואַנט צו וואַנט.

מיר טראָגן אונדזער שולדיקייט

א צום שליאַך פון הונגער
טראָגן מיר אונדזער שולדיקייט,
דעם גרויסן פחד פון אַ דור
דעם גרויסן פחד פאַרן גאָרנישט...

הענט איינגעאייזטע אין אָפּהענטיקייט
הענט צוגעשמידטע צו זיך אַליין...

זון — ניטאָ ביז מען זוכט זי ניט —
זון — ניטאָ ביז מען טוט זיך אין איר ניט אָן.

...און לבנה ניטאָ אַזאַ ווי די,
וואָס בליט אויפן שליאַך פון הונגער...

ב דאָרט ווערן מיר גרעסער.
ווייטקייט טוט אונדז אָן
נאָך אַ קאָפּ, נאָך אַ קאָפּ.
אָט האָבן מיר שוין דערגרייכט
די וואָרצלען פון מיראַזש.
אָט האָבן מיר שוין אָנגעזאָטלט
אויף זיך דעם הימל...
ווו זענען זיי
די קליינע פאַרחושכטע שטעט ? !

רחבותן וויקלען אונדז איַין
רחבותן נעמען אונדז דורך און דורך...
ווער זאָגט אַז כאַטעס זענען פון האָלץ און הונגער ?
ביַי אונדז וואַקסן כאַטעס פון הויט און שטיין !...

ג פון די זעלבע טיַיכן פון בבל,
פון די זעלבע פיַיערן,
ייִדן מיט געניצעוועטע האַלדז־און־נאַקנס,
ייִדן גילגולים פון זיך אַליין...

ווער האָט אויף איַיער האַרץ אַ קוועטש געטאָן
און ס'איז אַרויסגעשפּרונגען אַ בוים ?
ווער האָט די וויַיטקייטן
צונויפגעוויקלט אין איַיער קעשענע ?

ייִדן פונעם שליאַך פון הונגער —
ווער האָט איַיך אויסגעבעטן
מיט אַזוי פיל ציכטיקע ווענט ?

בײַדלעד

בײַ גראָע בײַדלעך זע איך אײַך שטײן,
אײַערע פּיס — באָרוועסע, די כאַלאַטן — לאַנגע,
צווײ שטײנערנע הענט טוט איר מיר דערלאַנגען
און די זון איז צו רויט און קען ניט פאַרגײן...

קוק איך אויף אײַערע הענט — ווי די זעק!
מאַראַנצן אין זײ. כ׳זע מיט פּחד: זײ ברענען!
ווינקט איר מיט יאַסלעס אָן צײנער: כ׳זאָל נעמען.
נעם איך, נאָר כ׳פּיל אַז איך נעם אײַך אַוועק

די זון וואָס איר לאָזט ניט פאַרגײן און די שוועל
און דעם שמײכל פון אָפענע יאַסלעס אָן צײנער.
איך שרײַ: נאַט די זון אײַך צוריק און איך גײ מיר,
נאָר טויב זײַט איר אַלע און שטום ווי אַ פּעל.

כ׳וואַרף מאַראַנצן אין אײַך, גרודעס פײַערדיק לײם,
איך וויל ניט, איך וויל ניט, כ׳בין די טובה אײַך מוחל;
לאַכט איר און ס׳קײַקלט זיך נאַכט אין די הויכן
נאָר די זון איז בײַ אײַך און קען אַלץ ניט פאַרגײן.

יונגער צוויט

איך גיי אַרום מיט אַ לאַמטער אין האַנט
פּרווו זיך געפינען.
אפשר אין ווערטער?
אפשר אין טריט,
וואָס כ'האָב געלאָזט אַ מאָל
פאַלן אין וועג?
איך ווייס:
אַזוי פיל וועל איך מוזן הײַנט
צונויפריידן,
פאַרלאַטען,
אַזוי פיל איבערלאָזן
ווײַל ניטאָ קיין צײַט.

כ'רוף זיך אויף צו אַן עליה.
כ'קום אָבער ניט.
דער גערופענער
איז גאָר הינטער אַלע הרי־חושך.
צי האָט ער נאָר געשפּילט באַהעלטעניש
מיט מיר
און זיך פאַרשפּילט?

זינד איך אָן

זינד איך אָן אַ גרויסן בלאָען טאָג
און שפּאַן אין אים אַרײַן מיט פליגל און מיט פײַפל.
קליינע ווערטער טראָגן אין זיך צווייפל,
און איך דעם גאַנצן הימל אויף זיך טראָג.

קליינע ווערטער טוען ניט באַגרײַפן,
אַז ערגעץ מיט אַ פּישופּדיקן זאָג
קאָן מען דעם שטויב צוריקגעבן זײַן וואָג,
דעם דינסטן גראָז זײַן דראַנג צו זון פאַרשרײַפן.

אַז ערגעץ צווישן נישטערן און שלײַפן
קאָן מען דערגריבלען זיך צום סאַמע סאָק,
אַרומנעמען אַ וועלט אין איר געיאָג
און ניט מער פילן אַז מ׳איז נאָר אַ שרײַפל.

קאַרליקלעך

צו דעם בלאָען הונט אין דער לבֿנה,
צו דעם בלאָען הונט —
וויל איך ריידן ווי אַ קינד
וואָס קאָן ניט אײַנשלאָפֿן בײַ נאַכט.

אַלע סטעזשקעס זענען אָפֿן,
נאָר די קאַרליקלעך זענען ניט אַהיים געקומען,
מיט די קאָראָמיסלעך,
און מיט די עמערס ווי פֿינגערהוטן.

דו, וואָס אַלע קוואַלן בלײַען צו דיר אַרויף —
אפֿשר האָסטו געזען די קאַרליקלעך
קלינגען מיט זייערע גלעקלעך?

זיי זענען ניט אַהיים געקומען
פֿונעם טיפֿן וואַלד.
קאַרליקלעך מיט הויכע מיצן,
מיט לאַנגע, מעשענע בערד.

קאַרליקלעך, אַנטלאָפֿענע פֿון מײַנע לידער —
ס'מאַכט ניט אויס,
ווען כ'ווייס כאָטש אַז איר זיצט אַרום דער לבֿנה.

אַז איר באַהאַלט זיך אין גראָזן,
אין די טראָפּנס טוי ;
ווען איך ווייס כאָטש אַז אײַערע לאַמטערנס
זענען ניט אויסגעגאַנגען,
און איר וועט געפינען דעם וועג
צו די לידער פון אַנדערע,
מיט אײַערע גלעקלעך
מיט אײַערע גרינע שפּענצערס.

און ס'מאַכט ניט אויס,
וואָס די לבנה איז אין גאַנצן ניטאָ
מיט איר בלאָען הונט,
מיט אירע פינגער אויף מײַן פּנים —
ווען כ'ווייס כאָטש
אַז איר קאַרליקלעך,
וואַרט ערגעץ ווו
מיט דערשטיקטן געלעכטער,
שטיפנדיקע און וואָרע
אַזוי ווי אַ מאָל...

וווּ אָסיען טראָגט צונויף בלעטער —
אפשר אײַערע בערד ?
וווּ דער ווינט פּײַפט —
אפשר אײַערע פלייטן ?
צום אָנדענק פון זומער
מיט דער גרויסער לבנה אין האַרץ —
אפשר אײַער האַרץ...

פון די טיפענישן

פון די טיפענישן
מיר גראָבן אויס זכרונות.
מיר טראָגן גרויסע לעמפּ אויפן שטערן
און מיר זוכן דעם וועג.
זאָל ניט די נאַכט אויף אונדז אַראָפּפאַלן
און פאַרשטעלן דאָס אויג,
זאָל ניט די מידקייט
אַרויפלייגן שטאָלענע בערג אויף אונדז
און אונדז פּענטען —
האַלטן מיר וואַרעם דאָס האַרץ,
לאָזן מיר ניט צו דעם זשאַווער;
קניפּן צונויף שמייכל צו שמייכל
זיי זאָלן פאַר אונדז זײַן אַ בריק.
אַזוי זענען זיכער געגאַנגען פאַר אונדז
די אַלע וואָס מיר דערמאַנען.
אַזוי וועלן זיכער גיין אויך יענע
וואָס וועלן קומען נאָך אונדז.

סטאַציעס

צבי אײַזנמאַנען, מיט ליבשאַפט

אויף סטאַציעס האַלב־פֿאַרשימלטע, מיט דראָטשויבן באַשפּינטע,
בײַ נאַכטישן לאַמטערן, רויט־אויגיק פֿאַרשטײַפּט —
מיר טרעפֿן זיך מיט באַנען, גראָע, אויסגעדינטע,
אַרומגעוויקלטע אַלט־מאָדיש מיט אַ ציטערדיקן פֿײַף.

קיין זעלנער שפּאַנען דאָרט ניט אום, נאָר שוואַרץ־געקליידטע
פֿרײַלנס —
וויגן אין וויאַנענדיקע שמייכלען אײַן דעם ליידיקן פּעראָן.
צעטראָגט דאָס ווידערקול דעם שאָרך פֿון סאַמעטן און
פֿון שווערע פּאַרטעפּיאַנעס און רעזעדעס אין וואַזאָן...

און ס'קומט ניט קיינער. אין פּאַראַיײַזטקייט פֿון חצותן
זשאַווערן טאָנעס שווײַגן זיך אַרײַן אין קאָפּ.
אַ שײַבל פֿון וואַגאָן האָט ווער מיט ליכט באַגאָסן,
נאָר שאָטן שטרעקט אַרויס אַ האַנט און האַקט עס אָפּ.

פֿאַרשימלט — גראָע סטאַציע, איבער פּוסטע פּלויטן
ראַנגלט אַ ווינט זיך אום מיט אַ צעווייקט פּאַפּיר.
די באַנען דרעמלען און די רעלסן זענען טויטע
און נאָר לאַמטערנס שטײַפּע האַלטן רויט שפּאַליר...

ווײַסע כאַטעס

ווער האָט אײַך דאָ אַוועקגעשטעלט,
ווער האָט אײַך דאָ אָפּגעלאָדן
קליינע, מיט רויטע דעכער
פון אַ מעשׂה־ביכל?

צי פון די קאַרליקלעך אַנטלאָפן,
צי פון די ריזן
מיט די גרויסע העק?

צי האָט דער מכשף
מיט זײַן גאַנצן כּישוף
אײַך ניט געקאָנט צוריקהאַלטן
ווײַל — יונג זײַט איר,
ווײַל טאָג אין אײַער בלוט?

אויסגעשײַערטע,
מיט די לאַכנדיקע שויבן —
ווער האָט אײַך דאָ אַוועקגעשטעלט
אין מיטן וועלט?

אלינאָווי

א מיר איז גוט געווען מיט דער פעל פון אלינאָווי.
איך פלעג זיך קאָנען צוטוליען צו איר,
אָנוואַרעמען מײַנע ווערטער
ווען זיי איז קאַלט געוואָרן
און וויינען אין איר, ביז ס'איז ווידער
אויפגעגאַנגען די זון.

אין אַלע קאַמפן, — זי מיט מיר געווען
ווי מיט אים.
און ווען כ'האָב געהונגערט,
זענען אויך צו מיר געקומען די קראָען,
טיילן מיט מיר זייער ביסן שפּײַז.

אײַנגעהילט אין דער פעל,
האָב איך זיך אויך געזען שטיין
פּנים־אל־פּנים מיט דער וועלט,
אָננעמען זיך די קריוודע
פון אַלטן נבות.

און אין איר,
אין איינעם מיט אלינאָווי
שפּרײַזן איבער די בערג,
אַרומלויפן אין מידבר,
זוכן גאָט.

ב כ׳בין שוין באַלד גראָ ווי אלינאָווי
און אויך די קנייטשן אין מיר —
סטעזשקעס דורך וועלכע די גראָקייט דרינגט אַרײַן.

אַלע שטערן שוין אין מיר אויסגעגאַנגען
און מײַן וואָרט וואָס האָט געמיינט
אָנוואַרעמען אַ גאַנצע וועלט —
אײַנגעשרומפּן,
פֿאַרפֿראָרן.

מעסערס צעשנײַדן די הײַזקעס
אין וועלכע כ׳האָב זיך געהאַט
אײַנגעפּאַנצערט,
און דאָס בלוט וואָס רינט —
איז דאָס בלוט פֿון אַ דור.

וויפֿל נאָך טרערן צוטראָגן
צו די פֿעלדער
וואָס קראָטן האָבן אויסגעהוילט
ביזן דנאָ?

וויפֿל נאָך שפּיגלען אויסהענגען
פֿאַר די וואָס ווילן זיך ניט זען?

גראָ ווי אלינאָווי בין איך שוין באַלד,
און נאָך אַלץ ווינד און וויי
אין לאַנד פֿון איזבל.

ג אין די פּוסטריט פון אַלינאָווי,
באָרוועס,
גיין קיין צרפת,
אַנטלויפן פון זיך אַליין.

אפשר וועל איך אויך ראוי זײַן
אָנצוטרעפן אין דעמער פון שקיעה
די זקנה וואָס ברעכט אָן פון הונגער צווײַגלעך
פאַר איר בלינדער, נאַקעטער שטוב;

ראוי זײַן צו קאָנען
ווידער אויפהייבן צו איר די אויגן,
עסן פון איר ברויטל וואָס ענדיקט זיך ניט
און טרינקען פון איר קענדל אויל,
וואָס באַהאַלט אין זיך די זון.

און וויסן אַז כ׳וועל ווידער קאָנען
לעבעדיק מאַכן דאָס גראָז,
שטעלן איר קינד אויף די פיס,
ווייכער מאַכן דעם שטיין
וואָס האָט אונדז געפענטעט די הערצער.

דעצעמבער 1982

ציטערדיקע טראַפּן

היסטאָריע

הערן היסטאָריע, ניט זען.
ניט פילן אַז ביסט אין איר גאָרניט.
ניט שטיין מיטן פּנים צו עפּעס אַ שאָטן פון צײַט,
צו שטויב פון די דורות. הערן היסטאָריע —
פּאַרטיטורעס פון פאַרבן און קלאַנגען,
קאָנטראַפּונקטן פון זײַן — און ניט־זײַן אויסגעשפּילטע בײַם צאַנק
פון אַ ליכט
דורך אַ כּומר אין שוואַרץ, דורך אַ קריגער אין אײַזן.
הערן היסטאָריע — סינטעז פון אײַזן און בלוט
אָפּגעכוואַליעט בײַ דיר אינעם אויער. ניט זען
ווי די כוואַליעס רײַסן דיך מיט,
ווי זיי שרויפן דיך אײַן אין אַ דנאָ
וואָס דו ווייסט ניט זײַן טיף.

געאָגראַפּיע

כ'לערן געאָגראַפּיע. כ'זעץ אַרויף זיך אויף אותיות
און רײַט אַרײַן אין מײַן וועלט.
ערגעץ פירט מיך אַ שטערן וואָס כ'קען ניט.
ווייס ניט וווהין כ'וועל דערגיין. וויל ניט וויסן.
געאָגראַפּיע איז שטענדיק אַ זוכן קאָנטינענטן אין דיר.
אָט איז איינער אונטערגעגאַנגען, אָט האָב איך אַ צווייטן
אַנטפּלעקט. אויסטערליש בלאָ, מיט חיות און פייגל.
עמעץ שטייט בײַ אַ טאָוול און טײַטלט מיט חוזק
אויף מיר און אויף מײַנע פּאַרזונקענע טעג — אַטלאַנטידעס
פון פרייד און פון ווייטיק. אילוזיעס.
אויך ער און איך וועלן ווערן אַ מאָל אַטלאַנטידעס.
אונטערגיין מיט דער געאָגראַפּיע.
ניט וויסן פאַר וואָס?
ניט — וווהין?

קיום

יעדן טאָג די זעלבע שוועל,
יעדן טאָג דעם זעלבן „גוט־מאָרגן"
אויף וועלכן קיינער ענטפערט ניט.
שוין יאָרן אַזוי
און אויך זיי, די יאָרן,
באַוואַקסן מיט אַ גרינעם מאָך.

אויך זיי נידעריקע,
ניט מ'קאָן מער אַרויפּציִען אויף זיי
אַ הימל,
ניט — אונטערשפּאַרן זיי
מיט אַ קליין
כליפּענדיק האַרץ.

אויסגעטאָפּיעט געוואָרן.
אַפילו קיין שטיקל קנויט ניט געבליבן
צו דערמאָנען אַז געווען אַ מאָל ליכט,
געווען אַ מאָל מענטש.

אַרומגערינגלט דורך וועלף —
אַלץ קלענער און קלענער
דער קרײַז פון זכרון.

וווּ נעמען דײַן פּנים?
אויסגעגאַנגען, פֿאַרלאָשן
אין ווײַוגע און אײַז.

געשריבן האָט דער זיידע

געשריבן האָט דער זיידע מיט אַ דראָבנעם כּתב
וואָס פלעגט דערמאָנען אָן אַ ראָטע קליינע זעלנער.
דער זיידע — אַ פולקאָווניק מיט אַ ווייַסער באָרד
און איך — אַ ייִנגל מיט אַ הילצערנער שווערד לעם אים.

געפלויגן זענען מיר פון דף צו דף
און וועלטן איינגענומען און געשטורעמט הימלען,
ביז ס'פלעגט דער זיידע אַוועקלייגן זייַן שווערע פען
און שמייכלען: מ'דאַרף גיין שלאָפן, זעלנער זענען מיד.

פלעגט נאַכטיש סקריפּען דאָ אַ שטול. אָן קול
פלעגט אַראָפּפאַלן דער טאָוול איבער זעלנער
און נאָר איך און דאָס לעמפּל אויפן טיש פלעגן זען
ווי די ברילן פונעם זיידן זענען אוראַלט.

זיי

זיי קומען אָן, זיי פּילן אָן די שטוב
מיט בלאָע רייד, מיט ריח פון ירידים;
זיי האָבן בערג מיט מעשׂיות, קוישן זון,
וואָס זענען זיי נאָך פון דער היים געבליבן.

און אַלץ בזיל־הזול — אָן וואָג.
מ׳שטעלט אַוועק אין שטוב און... האָקוס־פּאָקוס.
און איידער וואָס און ווען — סע בליט
אויף אַלע פּנימער: שוין ווידער טאָג איז.

און אויך משיחן טראָגן זיי מיט זיך אַרום,
פֿאַרהוילן, אין כּתב־ידן בלויז פֿאַרשריבן:
אַ קליינינקן, אַ זילבערנעם ווי זייער זיידן און
ווי דער רבי אין די חדר־יאָרן אַזאַ ליבן.

כעלעם

אַלע, וואָס האָבן כעלעם ניט געקענט,
וואָס האָבן זייערע באָבע־זיידע ניט געקענט,
און קענען נאָר זייער אייגן פּנים,
און ווייסן נאָר זייער שמאָלע גאַס,

אויסגעשטרעקטע אין דער הייך פון זייערע גאָרנס
שאַרן זיי אַראָפּ פון הימל שטערן
און ווייסן ניט אַז אמתע —
האָט מען האַלטן מיט די פינגער ניט געקאָנט.

יעדן אָוונט קאָווען זיי אויס נײַע לבנות,
נאָר קיין איינע קומט ניט
צו דער פאַרמעטענער לבנה,
וואָס האָט אײַנגערעמט אונדזערע שײַבלעך.

און אויב טויזנט סטאַדעס אויף זייערע לאָנקעס —
וואָס זענען זיי לגבי
דער איינער ציג,
וואָס האָט אַרומגעשפּרײַזט
פראַנק און פרײַ — חצות
איבער די קרוינען פון אונדזער דאַך...

קליינער רבי מײַנער

קליינער רבי מײַנער,
וואָס האָסט יעדן טאָג אויסגעקערט
מיט דײַן באָרד גמרא
כּדי מיר צו מאַכן אַ פּלאַץ
אויף דער וועלט.

קליינער רבי מײַנער,
וואָס האָסט פון זיך אַרויסגעדלובעט
אַזוי פיל שטערן,
אַזוי פיל מעשׂהלעך,
כּדי מײַן וועלט
שענער צו מאַכן.

די שטערן זענען געבליבן,
די מעשׂהלעך זענען געבליבן —
די וועלט בלאַנקט בלאָ,
אָבער פֿאַר מיר קיין אָנהאַלט ניטאָ, רבי.

שלום־עליכם

שלום־עליכם.
ער רעדט צו אונדז אויף לשון־קודש,
ער רעדט צו אונדז אויף רוסיש און אוקראַיִניש,
ער רעדט צו אונדז אויף אַלע שפּראַכן פֿון דער וועלט
נאָר דער עיקר — ייִדיש.
ייִדיש — דער בלישטש פֿון זײַן שמייכל אויף ברילן,
ייִדיש — דאָס דרייען פֿון שטעקעלע אין האַנט.
די חכמות אויסבאַהאַלטענע הינטער די וואָנצעס;
ייִדיש — דאָס בערדל, אויב אפֿילו צוגעשפּיצט,
אַ ביסל צו להכעיס, נאָר שטענדיק גוטמוטיק
און אויך דער מאַנטל זײַנער — ווײַט צעשפּיליעט
אויף צו קאָנען אַרומנעמען שטעטל און שטעטלעך,
פֿנימער. ייִדיש — באַשטעקלט מיט „בעזלעד";
אײַנגעטונקען אין שטויב; און, פּלאַטערנדיק הויך
איבער דעכער:
וואַכעדיק, אָבער פֿול מיט האָפֿערדיקייט,
וואַכעדיק, אָבער מיט זונען אין פּאָלעס,
ווי נאָר ייִדיש קאָן זײַן,
ווי נאָר שלום־עליכמס ייִדיש קאָן זײַן.

גיי זוך יונג־ווילנע

מ׳האָט מיר געזאָגט: גיי זוך יונג־ווילנע.
בין איך געגאַנגען צווישן בלעטער און לידער,
צוגעקומען צו דער קלויז, געפונען אַלט־ווילנע.
אויסגעטרונקען אַ זון. אַרויפגעקוקט צום הימל:
בלאָ־זייַד — אַ פּרוכת אַזאַ געדיכט באַשריבן
מיט גאָלד: „נדבת מרת...״ ייִדיש?
אַוודאי ייִדיש!

אַזוי האָט דאָך גערעדט דער הגר״א,
אַזוי האָט מען דאָך פאַרירשנט פון וויגל.
דורכהויף און מאַרק בלויז אַ משל געווען,
קעגן אַ „גוט־אויג״, קעגן בייזעווינטן.
ווילנע — קיין מאָל ניט געווען אַלט.
יונג — בעז, בלומען; יונג — שלאָגן קלאַפּטער אין טייַך;
יונג — אַרויסרייַסן אויף אַ באַפליגלטן פערד
אין דער בלאָער, אָפענער וועלט.

יונג־ווילנע

כ'וועל צולייגן מײַן אויער צו זוניקע ווערטער,
צו די ייִדישע ווערטער פון ווילנע,
ווען ווילנע נאָך יונג געווען;
ווען קוואַלן און וואָרצלען זענען נאָך געווען נאָענט
צו דער מאַמעס וויג;
ווען הימל און ווילִיע האָבן נאָך געהאַטביידע
דעם זעלבן קאָליר
און ביידן האָט מען געפילט אַרויסקוואַלן
פון מיטן האַרץ.

כ'וועל צולייגן מײַן אויער צו ווערטער,
אין וועלכע ס'האָט געשוויבלט מיט געגג, דורכגענג, ווינדלען און דעכער.
אויסגעזונגענע דורך הענדלערקעס,
אויסגעבימבאָמטע פון הגראַס קלויז,
האָבן זיי זיך געוואַלגערט מחנותוויַז איבער דער ייִדישער גאַס,
פּאַרפּולט רינשטאָקן מיט שטערן,
אַרויפגעקלעטערט אויף ווילגאָטנע ווענט.
און ווען איין וואָרט, שיכּור פון זיך אַליין,
האָט אָנגעקלאַפּט אין פענצטער פון אַ דאַכשטיבל —
איז עס געוואָרן אַ קרוין מיט זיבן גאָלדענע שפּיצן.
נאָך וואָס קרוינען אַז ווערטער זענען גאָלד?

האָבן אויך פידלען דעמאָלט געהאַט גאָלדענע סטרונעס;
אַרום טישן פון דער סטראַשון־ביבליאָטעק
האָט מען אויסגעשוויגן גאָלד.
פילאָלאָגיע האָט מען געשעפּט מיט עמערס.
נאָך דעם וואָס עריק און קולבאַק — ריַיטנדיק אויף דער באַנדורע —
האָבן זיך אַרויסגעלאָזט פּאַשען וועלף איבער ראַסיי,
האָט בעליס אָנגעהויבן זוכן צעשאָטענע רינגעלעך;
לייזער וואָלף האָט זיך אַריַינגעשטעלט מיט זיַין באַלוואַנסקע מויד;
סוצקעווער און גראַדע האָבן זיך פּאַרמאָסטן איַינצונעמען די וועלט
אין איינעם מיט חנקען, שמערקען, פּרצן און נאָך פּרינצן פון ייִדישן וואָרט;
און ווען אויפן הימל האָבן זיך באַוויזן די ערשטע פויסטן פון מבול
האָט מען שוין געקאָנט דרייסט אַרויסהענגען
דעם בויגן פון יונג־ווילנע —
די גאָלדענע קייט.

דער דרוק פון דער אַלמנה און די ברידער ראָם

זונען זענען געקומען צו הילף.
די אַלמנה ראָם האָט ניט נייטיק געהאַט
אויסצוהענגען אַ וויוועסקע. אַלע וועגן
האָבן געפירט פון האַרץ צו איר שוועל.
ווײַטער — צום הימל — האָבן עס שוין געטאָן
די זעצערס, די בעלי־הגהה, די בינדערס.
נאָך ווײַטער — פון דעכער — האָבן עס שוין צעטראָגן
די פייגל.

און אַ וועלט האָט געטרונקען דערנאָך מים־חיים
פון קליינע סידורימלעך, פון בענטשערלעך ווײַסע;
פון גרויסע, אין לעדער געבונדענע ש״סן,
צי אַזעלכע געבונדענע אין לײַוונט, אין זאַק;
מיט שער־בלעטער און מיט גימטריות;
מיט „פעטשאַטן״, פאַר „נאַטשאַלסטווע״,
און טייל מאָל — אַפילו מיט אַ וואַרעמען „הנותן תשועה
למלכים״,
צוגעשניטן
פאַר גאָט
און פאַר לײַט.

אצ״ג*

געשלאָסן איז דער קרײַז. איצט וועלן פייגעלעך מסתּמא
קומען דערפיקן לעצטע קלאַנגען פון זײַן ליד.
איצט זיצט ער מיט די זיידעס וואָס האָבן זיך פאַר אים געמיט:
ר׳ אורי סטרעליסקער און ר׳ מאיר פּרעמישלאַנער,

און אַמפּערט זיך מכּוח תּכלית; מכּוח יעדן מאמר
וואָס ער האָט אין זײַן קוזשניע אויסגעשמידט,
געמיינט דערהייבן זיך און אַלעמען צו מלכות־ייִד,
אין ליכט פון סטרעליסקער און ר׳ מאיר פּרעמישלאַנער.

ס׳איז אצ״ג יונג און אָדלערדיק־באַפליגלט; כּולו פלאַם ער
ווי דעמאָלט ווען געקושט ר׳האָט ערד פון ציון, ווען ער האָט געקניט
צום האַרץ און בלוט פון פאָלק וואָס ס׳האָבן עס ניט אויסגעהיט
ר׳ אורי סטרעליסקער און ר׳ מאיר פּרעמישלאַנער,

און גרויס געוועזן דער קיטרוג... וויי, דער מאָנער און דערמאָנער
וואָס איז גאָר קיין מאָל ניט צו וואָרענען געוואָרן מיד —
ליגט איצט אין קרײַז געשלאָסענעם און ס׳קלאָגן זאַלבע דריט
אצ״ג, ר׳ אורי סטרעליסקער און ר׳ מאיר פּרעמישלאַנער.

---

* אורי צבי גרינבערג.

געבן אַ תּיקון

לזכר אריה שמרי

דער „גרינער פּאַרמעט" אויסגעפּתיבהט פּאָרכטיק מיט זײַן כּתב
איז רײַכער הײַנט געוואָרן. ער אַליין, דער סופר,
וואָס האָט געשפּיגלט זיך אין יעדן וואָרט אָן אויפהער,
באַצירט מיט קלאַנגען וווּנדערלעכע, סודות פון באַשאַף —

איז איינס געוואָרן הײַנט מיט אָט דעם פּאַרמעט, דעם אַזוי
פאַרהייליקטן, געבענטשטן אינעם מענטשישן געלאַף.
צווישן די תּפילות אַלע — אויכעט ער אַ ציטערדיקער טראַף
וואָס וואַרט, אין איינעם מיט דער וועלט, אויפן מבשׂרס שופר,

כּדי צו קאָנען ווידער גיין אין שפּאַן; צו געבן תּיקון
פון ס'נײַ יעדער הײַזקע, יעדער בלום;
כּדי צו בליִען פון דאָס נײַ מיט היים און זון,

מיט יִינגסטן ליד די נאַכט אַריבערבריקן.
ווידער און ווידער אײַנקריצן אין פּאַרמעט גרין און גלייביק,
אַז אַלץ וואָס וואָרצלט אין דער טיפעניש פון האַרץ — איז אייביק.

מיט בלינדע טריט איבער דער ערד

לזכר לייב ראָכמאַן

אויסגעפלאַמט.
דאָ און דאָרט גלימצערט נאָר
אַ גלאָווניע אין אַש
וואָס דערמאָנט אָן פײַער.
צי וועט נאָך אַ מאָל
אַ ליד זיך דערברענען ?
ס'טוט וויי צו זײַן שוואַרץ.
און איך גיי פאַרבײַ
אַ שטוב
וווּ ס'איז נעכטן אַ מענטש
אויסגעגאַנגען.

מיט בלינדע טריט איבער דער ערד
אָבער אַ סך שטערן האָבן דיר געוויזן דעם וועג,
אַ סך גוטע וואַרעמע ווערטער
פון פרוי און קינדער
האָבן דיך אַרומגענומען,
דיך געטרייסט,
אין דיר אָנגעצונדן די האָפענונג
אַז מיט יעדן טראָט ווערט ליכטיקער.
אַז די ערד
ווייסט.

זעלדע

זעלדעס לידער דערמאַנען אָן זילבערנע לײַכטער
אויפֿן ברעג טיש,
ערב שבת־קודש,
ווען אַלע ווערטער שוין אויסגעשײַערט
און איצט זיצן זיי אין איינעם מיט זעלדען
פֿאַר דער שוועל,
וואַרטן אויף דער צײַט
פֿון ליכטבענטשן.

די מלאכי־השרת
אָנגעטאָנענע אין קאַפּאָטעס
גייען אין שול אַרײַן.
זעלדע
און די שבת־ליכט וואָס זי צינדט אָן
האָבן אַ פֿול האַרץ
מיט „שלום־עליכם".

משה ריַיפּער

אַ וועלט פון ליקוי־חמה אויפגעציטערט מיט פאַרחוזקט־וויינענדיקן
שערל,
אַ וועלט פון אויסגעקרימטע, צאַנקענדיקע פנימער אין קראַטעס
פון וויטראַזש.
אַזוי האָט אויך דער ים זיך איַינגעצימצומט, אויסגעפיבערט —
ביז געוואָרן פערל,
אַזוי האָט גורל זיך געקניפּט אין הינערפלעט, אַרויסגעבליצט,
געפורעמט זיך פון אַש.

זיצט ריַיפּער אין זיַין פויגלשטוב שוין יאָרן מיט זיַין שערעלע
שטאָט דלאָטע
און האַמערט בלוט אַריַין אין יעדן דינסטן אָדערל פּאַפּיר.
רעוועט אַ לייב דערנאָך אַרויס פון אַ שוואַרצאויגיקער קאַפּאָטע,
צעלויפן וועגט זיך אונטער פיס פון בלאָ־צעשטשירעטן וואַמפּיר,

צעשריַיען הענט זיך איבער קעפּ: אַ „מיזרח" שטייט צעשפּאָלטן
און טרערן טריפן סטאַלאַקטיטיש פון אַ שטראַליקן „שדי",
דרייען זיך פיס און גוף אין ספּאַזמע פון אַ טאַנץ וואָס איז אַ קאָלטן,
און געציש — אויפגעטורעמט וואַרפט זיַינע ווילדע אויגן אַשמדאי.

ניטאָ ווו זיך באַהאַלטן פאַרן וואַלד פון פייגל, לצים, בלינדע,
מיט שטערן־אויפן־שאַרבן, פאַרן אָפּגרונטיקן „אוי !"
אַז ס'שיילט אַ פּנים זיך אַרויס פון פּנים, פּעטליעס ווערן צינגער,
און הינטער הויקערדיקן ייִד וואַקסט אויס מיט אַ האַק — אַ גוי...

נאָר איבער אַלץ זעצט ער, דער כּישוף־מאַכער פונעם שניצנדיקן שערל
און האַלט צונויף די פּאַלנדיקע ווענט, וואָס גליטשן זיך צום תּהום.
אַ בלאָז — און ס'וועט די וועלט דערטרינקען זיך אין טרערן,
אַ שניץ — און ס'הייבט די וווּנדערוועלט פון ס'נײַ זיך אָן...

ראובן אויערבאַך

אויערבאַך, ראובן, ראובן אויערבאַך,
כ'האָב ניט וואָס צו זאָגן נאָך דײַן טויט.
ס'איז מײַן וואָרט אַ שטיין געוואָרן, ראובן אויערבאַך,
און ס'האָט שווײַגן דיר אַן אָרון אויסגעבויט.

און דו ביסט געווען דאָך, ראובן אויערבאַך,
מערער ווי דו ביסט אַליין בײַ זיך געווען.
און אַזאַ ווי דו, וועט קענען נאָר דער טרויער נאָך
אויסשפּינען אין אַלטע אויגן, מ'זאָל זען

אײַנגעפּרוירן ווי דו בלאָנדזשעסט הינטער ברילן
ווי הינטער אַ פרעמדער, ווײַטער וועלט,
מיט אַ בינטל העקסאַמעטערס פון ווירגילן,
מיט אַ שמייכל פון האָראַץ צו זיך אַליין געווענדט.

ווי עס וועגט אַראָפּ דײַן דינעם מאַנטל
אַ פאַרגעלטער באַנד „וואָלגאַטאַ“ — דרוק פּעטיט.
ניט געהאַט די רויטע הענט ווו צו באַהאַלטן,
נאָר געוואַרעמט האָט אַ ווערטערבוך פון גאָלד — סאַנסקריט.

און דיך זען, ראובן, מיט דיַין מראה
מיט דיַין קאָלנער דאַרן אויפגעשטעלט אין ווינט,
ווי דו שטרויכלסט צווישן קעלערס אַנטיקוואַרע,
צווישן גאַסן טונקעלע, רעדלעך הינט,

ביז דו ווערסט צערונען אינעם נעפּל
אין די פליאַמעס ליכט וואָס שווימען אויף פאַרשעמט,
אַזאַ לעצטער גילגול פון פּאָעטן
וואָס געקומען אין דער גרויסער שטאָט צו ענד.

אויערבאַך, ראובן, ראובן אויערבאַך,
כ'האָב ניט וואָס צו זאָגן נאָך דיַין טויט.
ס'איז געווען אַ וואָרט אויף ליפּן, ראובן אויערבאַך,
נאָר ס'האָט שוויַיגן איצט אַן אָרון אויסגעבויט.

דזשיגאַן

דזשיגאַן ניטאָ. פאַרלאָשן לעצטער שמייכל,
וואָס האָט געטאָן פאַרגלעטן קנייטשן פונעם פאָלק.
„לאַכן דורך טרערן״ ר׳האָט ביַי אונדז געמאָנט.
„וויַיל דאָקטוירים הייסן לאַכן״. פון די הייכן

האָט ער פאַר אונדז אַראָפּגעפּישופּט זשמעניעס גאָלד
מיט לאָדזשער ייִדיש. איצטער בלייכן
די ווערטער אַלע אָבלדיק. בלויז „איכה״
געבליבן אויף די ליפּן. אונטער חומש

די ליידיקייט אויפן אַלעמער... דזשיגאַן — אויס.
אַנשטאָט פּראָזשעקטאָרס שוואַרצע שפּינען בלויז
וואָס שפּרינגען שדימדיק אַרום אין שטויב אין גרינעם

פון בין־השמשות און אין מיטן מיר, פאַרקלעמט,
מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ און בלינדע הענט,
זוכן זיך און קאָנען מער זיך ניט געפינען.

זענען די שטערן געוואָרן נידעריק

חצבה

אין חצבה גראָב איך אויס די אייביקייט,
דערגייִ ביז פאַרן מבול.
דער גן־עדן איז צו שיין געווען
אים ניט צו געבן ווײַטער אַ האַפט.

די לייבן און העלפאַנטן
די אויסגעדליבעטע פון שטיין
וועק איך אויף,
הייס זיי זײַן גרייט.

אויך די כאַרדונען
רוף איך אַרויס פון זייערע באַהעלטענישן,
זיי זאָלן ניט איבערהיפּן,
זיי זאָלן אַלץ פאַרשרײַבן —
ס'הייבט זיך אָן פון דאָס נײַ.

אילת

אָוונט.
טראַקטן פירן אָפּ לאַמטערנס גאָלד קיין אילת,
נאָר אילת ווערט ניט רײַך.
דאָס גאָלד פאַלט אַרײַן אין רויטן ים.
הײַפישן שלינגען עס אײַן.
קלאָג ניט וואָס בײַם אויפמאַכן די טיר
סירענקעס זינגען אַרויס שפעטער
פון זייערע העלדזער גאָלד.
גאָלד זייערע האָר.
זייערע גלאַנציקע אויגן — גאָלד.
אָבער דאָס גאָלד דאָס אמתע קומט נאָך אַלץ פון אופיר
און קיין אופיר קאָנען מיר ניט דערגיין.
דאָס גאָלד דאָס אמתע
ליגט נאָך אַלץ אין די שטערן וואָס פאַלן אַראָפּ.
נאָר אונדזערע הענט —
צו שוואַך.

פורנוב

פּורנוב זוכט נאָך אַלץ וואָרצלען,
וואָס עמעץ האָט פאַר איר, אַ מאָל, איבערגעלאָזט.
אַ מלאך געווען?
אַ פליִענדיקער קעמל?
אַ פּייטן,
וואָס צווישן וואָרט און וואָרט
האָט אויך אַ וואָרצל געלאָזט פאַלן?
וואָרטוואָרצל —
ביידע געשניטן פון איין קלאַנג?

פּורנוב זוכט נאָך אַלץ וואָרצלען
צו וועלכע זיך קאָנען צוטוליען,
ניט שטיין אַזוי אַליין
אין מידבר.

בית־שאן

וויפל בלוט רינט אָפּ
יעדן טאָג
פון דער זון
איבער בית־שאן !

אַ סך געוווינען זיך צו.
אַ סך פאַרשטעלן דאָס בלוט
מיט ווערטער.
טייל קוקן זיך אָן אין שפּיגל,
פילן : ער ווײנט.

כ׳נעם צונויף ליבשאַפט
און וואַרף זי אַרײַן אין פלאַם.
אותיות וועלן פון איר ניט בלִיען.
דער פאַרברענטער פאַרמעט
וועט ווערן אַש אויף די ליפּן,
וועט צודעקן דאָס פּנים,
גראָ מאַכן די האָר.

סדום

סדום —
אַפילו דאָס בלוט ווערט דאָ גראָ.
די פאַרביקסטע ווערטער —
צעשטאָכן מיט שפּילקעס,
אײַנבאַלזאַמירט.
די לעצטע —
אויסגעשמירט אין האָניק,
אַוועקגעשטעלט אין מיטן מאַרק
נאַקעט,
פֿאַר די בינען,
פֿאַר דער ברענענדיקער
בייזער זון.

אין טאָל רימון

זיבן זקנים קומען אָן אין טאָל רימון —
זיבן זקנים אין לבנה אָנגעטאָן.

זאָגט איין זקן: אָט לבנה, אַזאַ ווייכע און ווײַסע,
און ניטאָ קיין צאָן אין מויל זי אײַנצובײַסן.

זאָגט אַ צווייטער: אויך די רויטע סאָקן
פון די גראַנאַט־עפּל מער ניט פּאַר אַ זקן.

קרעכצן זעקס זקנים אײַנגעהילטע אין לבנה,
דזשאַמדזען בערד און טרערן רינען אויפן פּנים.

נאָר דער זיבעטער, דער עלטסטער פון זיי אַלע,
קלעטערט ווי אַ וועוויריק שוין איבער אַ סקאַלע,

מיט פאַרקאַשערטע צוויי פּאָלעס און מיט זאָקן ווײַסע —
טוט פאַרזשמורעט רויטע גראַנאַט־עפּל רײַסן.

זיצן דערנאָך זיבן זקנים, שלינגען, קײַען,
בענטשן שיכּורע דעם טאָל רימון און רעדן פון ירושלים.

פישוף איבער ציפורי

א צוויי מכשפים געקומען צו גיין
אין קליינעם שטעטל ציפורי ;
געוואָרפן אין לבנה אַ שטיין —
איז אַ קעלבל געבוירן געוואָרן.

אַ קעלבל מיט לבנהשער פעל,
אין שטערן אַ זילבערנער האָרן,
ווערן די סטעזשקעס בלענדיק העל
אין קליינעם שטעטל ציפורי.

ב שטרעקט מען צום קעלבל אויס די הענט,
מיט פחד פאַר אַן עין־הרע.
פנים צו פנים אין סוד גענענט :
אַ נס אין שטעטל ציפורי !

סקריפען טירן און ס'לויפן קעץ,
שפרינגען פלעמלעך אַרויס פון ספרים :
געקומען די רגע ס'איז פון קץ !
אַ קול איבערן שטעטל ציפורי.

וואַרפֿט מען אום שטענדערס, טורעמט אויף בענק,
איבער דעכער מ׳פליט געאָרעמט.
אַ קעלבל, אַ לבנהש קעלבל הענגט
איבערן שטעטל ציפורי.

און דאָס אַלץ איז געווען, דאָס אַלץ איז געשען
אַ מאָל פֿאַר צײַטן און יאָרן,
ווען צוויי מכשפים געקומען צו גיין
אין קליינעם שטעטל ציפורי.

ג אין ציפורי — הונדערט אַכציק טויזנט טעפער.
אין ציפורי שעפט מען לבנות מיטן שעפער.

פלעכט מען איין לבנהס אין די קרוגן, אויף די טאַצן
טראָגט מען אום לבנות פריש־געפּאַרבטע איבער גאַסן.

לײַכטן ווי אין מיטן העלן טאָג בתי־מדרשים.
תורה קלינגט, און גרילן זייער ניגון טאָטשען.

נחל אורן

א נחל אורן. אין די טריט פון קדמון־מענטש. לאָז
נאָר אַ שטראַל פון זון די וואַנט פון צײַט צעטיילן —
און ס'וועט אַרויסשפּרינגען פון איינער פון די היילן,
מיט ווילדע אויגן, זייער בעל־הבית.

און אפשר גאָר פאַרבײַטן דאָ די מאָס
פון אַלע טראַכטענישן און פון ציילן ?
אָנטאָן אין אין־סוף מענטשישע פיר איילן,
אין שמייכל — דעם פאַרוועו און דעם פאַרוואָס ?

מאַכן פאַר פוסק־אַחרון גאָר דעם פוס ?
ווער דעמאָלט זײַן דער וואַדי דאָ אַ גרוס
פון קדמון־מענטש, פון אורזיידן אָדם־הראשון ?

ווער מען דאָך קאָנען ווידער אַלץ פאַרווישן ;
איז דער גן־עדן נישט געגאַנגען נאָך פאַרלאָרן,
ווער מען דאָך קאָנען ווידער אָנהייבן פון פאָרנט ? !

ב איז גרינקייט גוט געווען דאָ פֿאַר עשתּורת.
ס'האָט בעל געהיט, אַ באַוואַקסענער מיט תּאווה, אירע טריט.
אַ בראשיתדיקע זון האָט בלאָ געגליט,
און אין די פֿאַלדן פֿון די בערג געמערט זיך האָבן דורות.

פֿון מאָל צו מאָל פֿלעגט אַ באַלאָדענער מיט סחורות
אַראָפּפֿאַלן אַ גייער פֿון עקוועלטישן יריד,
שטיין אַ פֿאַרגאַפֿטער, צו זײַן שאָטן צוגעשמידט,
מיט אַש אין באָרד, מיט נאָזלעכער פֿול קטורת,

און גנבענען אַ שטיקל גאָט פֿאַר עולם־הבא. פֿרום
זיך אומקוקן צי קיינער זעט נישט און מיט רויטער זון,
מיט הויקערדיקן קעמל ווײַטער לאָזן זיך אין וועגן.

און אַז לעגענדע פֿלעגט אַ מידע אויסגיין אינעם שטויב
און אָפּגעבן איר אָרט אַ צווייטער — פֿלעגט אַ טויב
אַראָפּקומען און אָפּדזשאָבען פֿון אייביקייט אַ רגע.

ג און אין דער מיט פון אָט דעם ווילטאָג — גרינער
פליוש פון אַ קאַלוזשע. סאַלאַמאַנדערס און טריטאָנען
צעזעגן שוויבלענדיק מײַן אויסגעהונגערט פּנים,
וואָס בלייכט צו זיי דורך וואַסערוואַנט דער דינער.

און אפשר האַלטן זיי מיך גאָר פֿאַר פּאָסיידאָנען,
וואָס — זאַט פון ווײַרויכן און געצן־דינער —
האָט זיך אַרויסגעשיילט פון גאָלד און גלימער,
צום שלײַם געקומען אויפריכטן זײַן נאָמען.

און איצט צעזעגן זיי מיך דורך און דורך. סע זאָל
מיך נישט דערקענען קיינער, ווען אַ מאָל
וועל איך אַרויסשטרעקן מײַן צונג דעם וואָרן פּאָסיידאָן,
אַז קיינער

זאָל מיר נישט נאָכלויפן מיט זשמעניעס שטיינער,
ווען כ'וועל — מיט שטיין אין האַנט — צעשפּריצן
דורכאַנאַנדער
דאָס גאָלד פון די קאַלוזשעס מיט טריטאָן און
סאַלאַמאַנדער.

גמלא

פאָר רחמיאל שקד

א. דער וועג

מײַן וועג קיין גמלא
פירט דורך באָכן טרערן,
פירט דורך אַ סך גראָ געוואָרענע האָר.

אויסגעטאָן פון מײַלנשטיינער
וואָס האָבן געפּענטעט מײַן גאַנג —
האַלדז איך איצט אַרום חורבות
צעזייטע איבערן פליין,
קוסטעס אָנגעזאַפּטע מיט צײַט.

ווו נעמען פעדעם
צונויפצופלעכטן מײַן שווײַגן
מיטן שווײַגן פון מאַמעס, קינדער,
וואָס האָט געזאָלט אויפרײַסן די וועלט
נאָר געבליבן הענגען
בלאָ
איבערן תהום?

פון וואַנען אָנהייבן צו מעסטן
זיך,
דעם שאָטן,
אין אונדזער קלעטערן פון ס'נײַ
באַרג־אַרויף?

ב. די פעסטונג

רוימער האָבן די פעסטונג ניט איַינגענומען.
די קאַטאַפּולטעס געבליבן ליידיקע צום סוף.
די קיַילעכיקע שטיינער צופוסנס
זענען מאַמישע טרערן, פאַרגליווערטע,
וואָס האָבן איבערגעהיפּערט די ציַיט.
מאָך האָט ניט געקאָנט פאַרשטעלן זייער פלאַם
צעטליִעט אינעווייניק.
ווינט האָט ניט געקאָנט פאַרלעשן
די גאווה.
בערעניקעס נאָמען
צעטראָטן פון דורות —
איז ניט טויט.
ער שיַינט אַרויס ווידער,
שמייכלענדיק,
פון יעדער בלום.

ג. קנייטשן

קנייטשן אויפן פנים שמריהוס,*
דאָס קומט פון דער זון.
דאָס קומט פון די שערבלעך וואָס ער גראָבט אויס
און לייענט זיך אין זיי אַריַין.
דאָס קומט פון די סודות — גאָר טיפע —
וואָס ער ווערט געוויר
און ער האָט זיי ניט וווּ צו באַהאַלטן.

---

* שמריהו גוטמאַן — דער אַרכעאָלאָג פון גמלא.

דאָס קומט פון די אותיות, שטומע,
יענוועלטיקע,
וואָס גאַפן אים אָן —
און ער שפּיגלט זיך אין זיי אָפּ.

ד. דאָלמענען

דאָלמענען, נאָענטע צו גמלא.
זיי זענען די טישן;
זיי זענען די שטענדערס
אויף וועלכע מיר זוכן זיך
און געפינען זיך אָפּ.
מיר גרייטן צו סעודות אויף זיי.
מיר ווילן דעם שור־הבר
און דעם לויתן.
מיר ווילן די שטערן,
זיי זאָלן קומען לייענען מיט אונדז.
יאָסעפוס פלאַוויוס אַלט,
אוראַלט —
ווילן מיר אויפמישן היינט
זיך אַליין.
זיך לייענען פון פאַרנט.

ה. אין קצרין

דער לערער רחמיאל מאַכט ניט קיין חשבונות.
זיין צייט איז די צייט פון די שטיינער
פון וועלכע מע בויט אויף אַ שטאָט.
זיין צייט איז די צייט פון די פייגל
וואָס טרילן דעם טאָג אַרויס פון די בערג.

יעדן פאַרנאַכט שטייט ער גרויס —
דער לערער רחמיאל —
אויף זײַן נײַער וועראַנדע
און פאַרשרײַבט מיט קרײַד אויפן הימל:
ס'אַ טעות.
כ'האָב צײַט.

ו. אין יענער נאַכט

אין יענער נאַכט
האָבן די אותיות אָנגעוואָרן זייער קול,
זענען די שטערן געוואָרן נידעריק —
מ'האָט זיי געקאָנט אָנרירן.
האָב איך דעמאָלט געשריבן מײַן ליד
מיט שטערן.
אויפן גראָז האָב איך געשריבן
און אויף די ווײַסע ווענט.
אַזוי פיל ניגון געווען
און האָפענונג.
קליין בין איך געשטאַנען
פאַר דער שוועל
און אין מיר דאָס ליד.
אַלע ווערטער האָב איך צונויפגענומען,
געמאַכט פון זיי איין וואָרט:
היים.

אין יענער נאַכט
האָט עמעץ ווידער מיר אַ שנעל געטאָן אין נאָז.
די ערד האָט אָנגעהויבן צו אָטעמען מיט אַ בלאָ ליכט
און איך האָב אַלץ געקאָנט זען.

אין מידבר פּאָרן

פֿאַר שולה און עמוס

לעמפּלעך וואָס צינדן זיך אָן
פֿאַר נאַכט אין מידבר —
באַלײַכטן יעדן אות,
דערהעלן יעדן געדאַנק.
דאָ וועט מען ווידער קאָנען
אײַנקריצן דאָס וואָרט
בראשית.
דאָ וועט מען ווידער קאָנען
אויפֿציילן
די פֿריידן;
קליין, מיט אַן אָפֿענעם פּינקס,
וועט מען ווידער קאָנען גיין
פֿון דערפֿל צו דערפֿל
און הערן
דאָס וואַקסן פֿון גראָז.
אויף ז י ך צו געפֿינען.
וועט מען נישט דאַרפֿן מער שטיין
אויף שפּיץ־פֿינגער;
אויף ז י ך צו דערקענען
וועט מען נישט דאַרפֿן מער זוכן
אין פּוסטריט
פֿון צײַט.

אַ קליין טעלערל פון הימל
האָב איך דיר געגעבן
צופוסנס די הרי־חושך:
אַ יונג דערפל
באַגאָסן מיט מילך
און מיט זון
אַרומגעקרוינט מיט בלאָע ווינטן,
מיט גראָזן,
אָפּגעריסן פון דער וועלט,
האַלטנדיק די וועלט
אויפן שפּיץ פון דער צונג.

די ווײַטקייטן דאָ זענען אַנדערע:
נישט צו מעסטן מיט ווערטער,
נישט אַרײַנצוקלעמען זיי
צווישן רגעס און שעהען.
אויך די זון גייט דאָ אונטער
פּאַמעלעכער.
אָן אַ שיעור וועלט.
אָן אַ שיעור שווײַגן
אונטער די הימלען.

כ׳לערן אויס דעם שטעג מיך צו דערקענען,
מיך צו לייענען אַהין און קריק,
זומער און ווינטער,
מיט מײַן קליין ליד אין האַרץ,

מיט מײַנע פעלערן
אַהין און קריק
און פון שאָטן צו שאָטן,
אַהין און קריק
און מיט אַ מאָל דערפילן:
אַלץ גייט אַרײַן אין מײַן אויג.

אַזוי פיל כּוח דאָ אין די וויוגעס
פון נגב:
צו רײַטן אויף טויזנטער פערד;
אויפצוקלײַבן יעדער קערנדל זאַמד
מיר צו וואַרפן אין פנים.
און אַזוי פיל לײַטזעליקייט דאָ
אין די וויוגעס —
צו לאָזן מיך שטיין,
ניט פלעטן מיך
מיטן רויך פון צעריבענע בערג,
מיט די זאַמדן,
לאָזן מיר צײַט —
ביז כ'וועל ווערן
איינער פון זיי.

בײַ דער הייל פון שמעון בר־יוחאי

בײַ דער הייל פון שמעון בר־יוחאי —
רײַבט זיך אייזל אָפּ די מידע טלאָען.

און ווי שטענדיק שלעפט די נאַכט, דערשראָקן,
מידן אייזל־טרײַבער מיט זיך מיט — אַ זקן.

ווײַסער זאַמד אין אייזלדיקע טאָרבעס.
גלילער בערג און וואַדיס אימהדיק זיך האָרבן.

פּלוצלינג שטייט אַ הייל און איז — אַ טויער,
פּלוצלינג קלינגט אַ מנין ייִדן אינעם אויער.

אייזל־טרײַבער פאַלט אַרײַן אין נאַכט, ווערט נעלם;
שוואַרצע קוסטעס דיבאָם זיך בײַ ווענט שטעלן.

וואַרט דאָס אייזל מיט די זעקלעך זאַמד אין דרויסן —
זעט ווי קוסטעס שוואַרצע זיך מיט קוסטעס שטויסן.

וואַרט ביז ס׳צאַנקען אויף פאַרשטאַרטע שטערן.
זעט ווי די לבנה טוט אַ זקן ווערן.

און ווי שטענדיק, קליין, מיט מידע טלאָען,
ווײנט אַן אייזל בײַ דער הייל פון בר־יוחאין.

נ י מ ר ו ד
(צו זײַן געבוירן ווערן)

א און פלוצעם פיל איך: נאָך ניט פול די מאָס!
דאָס ייִנגסטע גרעזל האָב איך אָנגערופן **נ י מ ר ו ד**.
מיט אים דריי איך צוריק די צײַט וואָס אויף מײַן שפּינראָד,
און פלוצעם פיל איך: נאָך ניט פול די מאָס!

נאָך בין איך איבער גראָזן בעל־הבית
און גראָזיק קאָן איך שטיין אין מיטן קרײַז פון קינדער.
אין זכות פון נימרוד בין איך אויך צעגרינט גאָר
און זע זיך וואַקסן פרילינגדיק, פון אות צו אות.

איך שיק צו דיר מײַן הארץ. ס׳וועט נאָך צעוויגן
זיך אַ וואַלד אין ווערטער פון מײַן ליד.
וועט נימרוד זײַן אין וואַלד. צונויפגעבליט
מיט מײַנע ווערטער, מיט מײַן ניגון.

אַנשטאָט מײַן פחד פאַר אַ וועלט ווו אַלץ פאַרקאַלכט איז,
וועט נימרוד אויפשטעלן זײַן וועלט אין מיר — זײַן מלכות.

ב וואַקסט אַ בלום עד־עד,* וואָס מיינט דאָ: אייביק;
וואָס מיינט דאָ: שטיקער בלאָע הימלען אויף דער ערד;
וואָס מיינט דאָ: קוקן אויף דער וועלט פּאַרקערט,
מיט וואָרצלען טיף־פּאַראַנקערטע אין זון און גלייביק.

איז וואָס אַז עמעץ גייט אַרום דאָ פריידיק,
רינגלט זיך אַלץ מער אַרום מיט בלום און ווערט
אַליין אַזאַ עד־עד, אין טאָג אַרײַנגעקלערט,
פון קנייטשן און פון אַלטקייט אויסגעליידיקט?

איז וואָס, איז וואָס אַז איבער ווײַטקייטן פון סטעפּ
האָב איך שוין אַלע זאַמדן אויסגעגעבן
און אַלע בלִיען איצט מיט כריזאַנטעמעס און עד־עד?

איך האָב אין שטילסטער שעה אַ חלום ווען געהאַט,
וואָס אויף דער וואָר האָב איך אים אָנגערופן לעבן,
און איצטערט שפּראָצט ער מיר פון יעדער בלום אַנטקעגן: לעב!

ג בלומען אין סטעפּ. דעם סוד כ׳האָב הײַנט באַנומען
פון גרויסן בגילופין אין מײַן בלוט: אַז מיר באַשערט
צו זען דאָס איבערניצעווען־זיך פון דער ערד,
צום מים־חיים אירן ווידער צוצוקומען

און צופאַלן צו אָט דעם מים־חיים. אויפן גומען
דערפילן די פרישקייט פון אַ גרינער וועלט וואָס קערט
זיך אָן מיט מיר, וואָס כ׳האָב זי אויסגעטרערט
נאָך דעם וואָס אַלע פריִערדיקע האָבן זיך געהאַט צערונען.

* עד־עד — אַ בלאָע בלום וואָס קאָן זיך אויפהאַלטן אַ לאַנגע צײַט אָן וואַסער.

שפּיגל איך זיך אין אָט דער וועלט. צעעפן
די שליוזן פון אַלע אירע מעמקים. זאָל
זי פון ס׳ניַי זיך מיט די וואָרצלען, מיט די וווּנדערס טרעפן

און זיך פון ס׳ניַי פאַרכליניען, ווי אַ מאָל.
זי זאָל פון ס׳ניַי זיך לאַשטשען אונטער זונען
בראשיתדיק, מיט פרייד פון צער־גידול־בלומען...

ד אַ שיכּורער, מיט גרויסער זון אין הארץ... פאַרגעסן
אַז אַלע וועגן פירן הײַנט אַראָפּ מיך קיין פאַראַן,*
אַז אין אַ וועלט פון נסים — גרעסטער נס מסתּם:
וואַקסט דאָרט אַ יידיש ליד דאָך בפרהסיה,

פּונקט ווי אין טאַטנס ווײַנגאָרטן. אַ ליד אַזאַ
וואָס לאַכט זיך אויס פון צאַמען און געזעצן;
אַ ליד פאַרוואָרצלט און באַזונט, אַלט־אײַנגעזעסן
מיט הײַזקע און מיט בלום, מיט שטיל און שאַ.

איז וואָס זשע נאָך באַדאַרפן דאָרט, און וואָס באַגערן?
אַז האָניק דאָ און פרייד און מילך און וויג,
אַז קינדער הוידען זיך אויף שטראַלן גליק,

בעת טאַטע־מאַמע גרייטן זיך צו הערן
דאָס ליד, צום ערשטן מאָל אויף יידיש גאָר,
און עס דערקענען: ס׳איז אַ היגס. און וואָר.

---

* מיטן דגש אויפן „ראַן״ — דער מידבר פאַרן פון חומש אין הײַנטיקן עברית־אויסלייג: דאַרף אויפן וועג קיין אילת.

ה שטיקל מיך צונויף פון די ווערטער וואָס זענען אין מיר
איבערגעבליבן,
פון שווײַגן וואָס צווישן די ווערטער.
בלויז דורכן שווײַגן וועל איך ווידער קאָנען הערן די גראָזן
און זייערע אָנהייבן,
די בלומען אין זייער בלי.
בלויז דורך די שטילקייטן און די סטרונעס וואָס אין זיי
וועל איך ווידער קאָנען אָנרירן די פרייד
וואָס אין די הײַזקעס, דאָס ליכט וואָס קוואַלט פון זיי אַרויס.
אַ סך ניגונים פאַרברענט געוואָרן אין מיר ביז אַש
און געבליבן בלויז דאָס וואָס נידעריק, וואָס נאָענט צו דער ערד.
מיט קליינע, וואָכעדיקע טריט לאָז מיך ווידער אויסמעסטן
דאָס שטיקל ערד, דאָס באַוואָקסענע מיט זכרונות,
פון וועלכן כ'האָב זיך אַרויסגעלאָזט צו מײַן ערשטן פלי.
ניט אין דער הייך מײַן גאווה געווען, נאָר אין די וואָרצלען
וואָס כ'האָב מיט זיך מיטגענומען, וואָס האָבן מיך באַשירעמט
פאַר דער וועלט.
שטיקל מיך צונויף פון די ווערטער, פון די וואָרצלען,
מיט וועלכע כ'האָב זיך שטענדיק אַרומגעוויקלט,
כדי ניט צו פילן די נאַקעטקייט וואָס אַרום;
ניט פילן די ליידיקייט אָנוואַקסן אין מיר
ווי אַ קריִע
אײַז.

אָאַזיס

גוט איז צו טרעפן אין מידבר דעם אָאַזיס.
אויסשטרעקן בֿרייט זיך אין שאָטן פון זײַנע לילאָווע בלעטער
פילן די פרישקייט וואָס פערלט אַראָפּ פון די הויכע הימלען
און זײַן אַ פאַרפֿישופטער שותּף צו וואָרט אין געקלעטער,
צו קלאַנגען אין זילבערנעם פלי, צו שיכּורע הימנען.

און ליגן אַזוי מיט די ליכטן וואָס דרינגען
אַרונטער די לעדלעך פון אויגן, מיט קוואַלן.
פאַרוויגט זײַן אין בלאָען געשליף פון וואָקאַלן,
אין שאָרכן פון גראָז, אינעם דינעם געצינגל
פון ווײַרויך אין ווײַסן געצעלט, אין בלומען און פאַרעס.

ס׳איז נאָך אַלץ דאָ אַן אָרט ווו מ׳קאָן ווערן ייִנגער,
ווו מ׳וויל ווערן איינס מיט דער טיפסטער התגלות:
אין מידבר, געהאַלדזטע מיט זונען, דער אָאַזיס...

יונג איז די נאַכט

וואָלט איך אַלע דעכער קענען אונטערשטעלן אונטערן פֿײַער־פֿויגל,
וואָלט איך אַלע דלאָניעס קענען אויפֿמאַכן פֿאַרן פֿײַער־פֿויגל,
אויסשטרעקן ביימער מיטן פּנים צום פֿײַער־פֿויגל —
גרויס איז די נאַכט.

אַלע סקאַלעס באַשרײַבן מיטן כּתב פֿון פֿײַער־פֿויגל,
אַלע קוואַלן אָנטרינקען מיט ליכט פֿון פֿײַער־פֿויגל,
אַלע בלומען פֿאַרוויגן אין טאַנץ מיט פֿײַער־פֿויגל —
בלאָ איז די נאַכט...

און הערן דורך קוסטעס דאָס קומען פֿון פֿײַער־פֿויגל,
זען ווי עס וואַרטן שוועלן אויף פֿײַער־פֿויגל,
וואָלט איך קענען אַ שוועל זײַן שיכּור פֿון פֿײַער־פֿויגל,
וואָלט איך קענען אַ שויב זײַן געקושט פֿון פֿײַער־פֿויגל,
לויפֿן מיט סטעזשקעס אַנטקעגן דעם פֿײַער־פֿויגל —
יונג איז די נאַכט.

פּאַטמע

פּאַטמע בליט מיט שעפּסן אינעם מידבר —
פֿאַר וואָס האָט דער מידבר פּאַטמען האָלט ?
טויזנט מיידלעך זענען דאָ אין מידבר —
פֿאַר וואָס האָט דזשאַמיל נאָר פּאַטמען האָלט ?

פּאַטמע באָדט אין בעדל אירע ציינער,
פּאַטמע לויפֿט דער סאַרנע נאָך אין ווינט.
שטערן בליצן אויף אינעם געצעלט ווען
פּאַטמע אירע שוואַרצע צעפּ צעבינדט.

צוואַנציק הויכוווקסיקע קעמלען
געבן מוהר וואָלט דזשאַמיל און געלט,
ווען ס'וואָלט פּאַטמעס שטיפֿטאַטע דער לאָמער
אים מיט פּאַטמען ווי מיט זון דערהעלט.

איז אָבער דער שטיפֿטאַטע דער לאָמער
שוין פֿון לאַנג אַ קנעכט ביי די יאַהוד.
שפּרינגען שוואַרצע שדים פֿון דער צונג אים,
ווען דזשאַמיל פֿון פּאַטמען ריידן טוט.

און דזשאַמיל אַליין איז נאָך אַ יונגער
כאָטש דער שבט, זאָגט ער, איז שוין אַלט
און מ׳ווינקט אים צו בגנבה,
ווען אין דער כּפּיה ער זײַן באָרד באַהאַלט.

פּאַטמע בליט מיט שעפּסן אינעם מידבר —
פאַר וואָס האָט דער מידבר פּאַטמען האָלט
טויזנט מיידלעך זענען דאָ אין מידבר —
פאַר וואָס האָט דזשאַמיל נאָר פּאַטמען האָלט?

אין רמת־רחל

זײַן אין רמת־רחל,
אויפקלײַבן בלעטער געלע,
שרײַבן בריוו צו קיינעם ניט,
גיין מיט אויפגעשטעלטן קאָלנער
אינעם רעגן
און וויסן אַז ס׳איז אָסיען
אַז אַזוי מוז זײַן.

אַרײַנקוקן אין אַ שטוב אַ וואַרעמער
וווּ ס׳פינטלט שוין אַן אָוונטיקער לאָמפּ
און פילן אַז ביסט פרעמד,
בין־השמשות אין דיר.
הײַנט דער לעצטער אויף דער וועלט.

בויט מען אַ נײַע שטוב

בויט מען אַ נײַע שטוב אויף אין דאָרף
בין איך ווידער אַ חסיד שוטה.
צינד איך אָן שטערן אין יעדער שויב
הענג לבנה אַרײַן אין זאַוויעסעס.

און ווידער איז וואַרעם און היימיש אַלץ
מיט אַזולאַיס און בוטבול און חמוס.
אַ קליינער הערינג אין מיטן טיש
איז הייליק ווי דער לויתן.

צי זענען זיי פון קאַזאַ צי פון מעקנעס,
אַ פוסבענקעלע כ'בין פאַר אַלע.
שיכור כ'בין ניט פון אַראַק אין כּוס
ס'איז אַ בלאָע נאַכט דײַן דרויסן.

אָ, וויפל טרערן וועל איך נאָך דאַרפן
אָפּווישן איידער ס'וועט קומען משיח,
אָפּוואַשן קרעציקע קעפּלעך פון קינדער
אָנטרינקען גאַסן מיט ליכט פון לבנה —

און דערווייל זענען לעכערדיק מײַנע קאַנען.

מאה־שערים

אין די געסלעך פון מאה־שערים
הענגען נאָך פלאַמיקע פעטש,
וואָס דורות ביינערדיקע זיידעס
האָבן פאַר מיר אָפּגעשפּאָרט.

פיל איך די קללות און תּרעומת,
וואָס באָבעס אָנגעטאָנענע אין שעפּסענע שייטלען
האָבן הינטער ליידיקע יאַסלעס
פאַר מיר אויסבאַהאַלטן.

כ׳גיי איבער טויזנט תּוכחות,
וואָס שוואַרצע ברענענדיקע אויגן
וואַרפן מיר צו די פיס.

קנוילט איבער מיר זיך דער הימל
און אַ שטיין וועט באַלד פאַלן
אויף מײַן קאָפּ.
גרייט עמעץ צו שוין די קונע
וווּ איך וועל וויינען
צו זיך אַליין,
מוטער־נאַקעט.

הונדערט טויערן אין מאה־שערים
און איך האָב קיין איין טויער ניט
דורך וועלכן כ׳זאָל קאָנען
אַרײַנקומען.

ווינדלעך אַ סך
אויף וועראַנדעס, אויף ביימער, פענצטער,
נאָר אַלע פאַרשטעלן
מיר דאָס אויג.

און יידישע ווערטער
זאַפטיקע, קלאָרע
אין אַ קינדערמויל,
אין אַ מאַמעס מענה־לשון,
נאָר ניט פאַר מיר.

מיידלעך אין מאה־שערים
דערציילן זיך וווּנדער.
זיי זענען די וווּנדער
מיט די שוואַרצע צעפּלעך
מיט די ווײַסע זאָקן די רביישע.
ווען זיי וועלן זײַן רביצינס,
וועלן זיי גיין אין ווײַסע טשיפּיקעס,
טראָגן ווײַסע בלוזקעס
פאַרשפּיליעטע ביז צום האַלדז,

מיט פערלמוטערנע קנעפּלעך
און אפשר מיט פּאַטשערקעס
קאָלירטע ווי די שערבלעך דאָ
מיט וועלכע מע וואָלט זיך קאָנען שפּילן
נאָר די מאַמע זאָגט: מ'טאָר ניט,
בלויז אין עטל־בעטל. מיידלעך
אין מאה־שערים מיט גאָלדענע אויררינגלעך
פאַר די אַלטע טירן. שטילקייט פון שבת,
זיסקייט פון בלאָען הימל
איבער אַ לאַנגער גאַס.

שטראָף מיך מיט מאה־שערים,
שרעק מיך מיט אַלע טליתים
אונטער וועלכע ס'דוכענען אירע כּוהנים,
שטרעק אויף מיר אויס אַלע פינגער
וואָס טײַטלען פון די ווענט
און קוש מיך מיט מאה־שערים,
דעק צו מיך מיט אירע ניגונים,
באַהאַלט מיך אונטער די וויִעס
פון אירע מיידלעך,
שטומע,
פאַרשפּינטע אין חלומות
גוטע,
ווי דער אָנהייב פון אַ וועלט.

ירושלים

אַלע שרײַבן — ירושלים,
אַלע קניִען — ירושלים.
גאָלד — ירושלים.
בלאָ — ירושלים.
שׂרפים, מלאכים — ירושלים.
מלך המלכים — ירושלים.
און אַפילו ווו ניט ירושלים,
איך — ירושלים.
אין דער הייך — ירושלים.
אין דער נידער — ירושלים.
יעדער שטיין — ירושלים.
און יעדע קרוין — ירושלים.

און איך זאָג: קרום ירושלים.
און איך זאָג: שטום ירושלים.
איך זאָג: פאַרשעמט ירושלים,
פאַרפרעמדט ירושלים.
טאַצן און פויקן — ירושלים.
חסידים־שוטים — ירושלים.
ניגון און זמר — ירושלים.

נאָר ווענט אין דעמער — ירושלים
נאָר ווענט אין טרערן — ירושלים.
צי פול מיט גרים — ירושלים?

ווײַל ווער עס קניט צו ירושלים,
און ווער עס פליט איבער ירושלים —
זעט ניט ירושלים.
און ווער עס קומט קיין ירושלים
און גייט אַוועק פון ירושלים —
גלײַך ניט געווען אין ירושלים.

ווער עס זאָגט: כ׳קאָן ירושלים
און קושט ניט דעם תּהום פון ירושלים —
וואָס ווייס ער פון ירושלים?
און איך,
וואָס האָב צוויי הענט,
וואָס טוען וויי פון ירושלים.
צוויי פיס וואָס ברענען
פון ירושלים,
צוויי אויגן
וואָס זײַנען פול און שווער
מיט ירושלים —
וואָס ווייס איך פון ירושלים?

בלינדע טירן — ירושלים.
קינדער וואָס פרירן — ירושלים.
צי דאָס ירושלים?
טונקעלע קנויטן — ירושלים.

קאַפּאָטעס אין צויטן — ירושלים.
צי דאָס ירושלים?

צי זאָל איך טויזנט פּרוכתן
צעהענגען איבערן הימל
און זאָגן: דאָס ירושלים?
איז דאָס אָבער ניט ירושלים.

צי זאָל איך אַלע בערגלעך
צעטאַנצן אַרום ירושלים
און זאָגן: דאָס ירושלים?
איז דאָס אויך ניט ירושלים.
זאָג איך: אַלט ירושלים,
זאָג איך: נײַ ירושלים.
און ווען וועט זײַן פרײַ ירושלים?

ווער עס גליט ניט אין ירושלים,
ווער עס היט ניט איבער ירושלים —
האָט ניט ירושלים.
ווער עס טאָגט נאָר אין ירושלים,
און זיצט ניט חצות איבער ירושלים —
וואָס וויל ער פון ירושלים?

צי איז דען אַ פּוסבענקעלע ירושלים
פאַר יעדן וואָס וויל אַרויפגיין
צום כּיסא־הכּבוד?
ניט קיין פּוסבענקעלע ירושלים.

און איך,
וואָס האָב טויזנט יאָר אין מיר ירושלים,
וואָס זאָל איך טאָן מיט ירושלים?
אַז צו וואָס איך נעם זיך — ירושלים.
און צו וואָס איך ווענד זיך — ירושלים.
צפון — ירושלים.
דרום — ירושלים.
מיזרח — מערב — ירושלים.
צי איז דען אַלץ אין ירושלים —
ירושלים?
נידעריקע שוועלן — ירושלים
סוחרים — געשטעלן — ירושלים.
צי דאָס ירושלים?

אינהאַלט

5 אַברהם סוצקעווער — לזכר משה יונגמאַן

פּײַער־פֿויגל

9 פּײַער־פֿויגל
12 1948
16 חיפה 1948 (בלעטער פֿון אַ טאָגבוך)
24 יזכור
25 געזעגענונג
26 אַבו־עגיילה
28 גלײַך ס׳וואָלט מלחמה ניט געווען
29 מײַן זון בײַם ים־סוף
30 אין יענע טעג
31 אַזוי פֿיל טרערן
32 מלחמה 1982
33 ראָש־השנה תשמ״ג

אין דער פֿעל פֿון אַלינאָווי

37 קהלת
38 חבלי־משיח
39 שלמה המלך
40 דערהייבן צו אַן אַנהייב פֿרייד
42 אַן וועג
44 שטערן דערקענען דיך
45 פּחדים
46 געסלעך קליינע
47 דאָס גרויסע שווײַגן אַרום
48 לבֿנה גרינט אין שויב
49 צוריקקומען צו זיך

50 מיר טראָגן אונדזער שולדיקייט
52 בייַדלעך
53 יונגער צוויט
54 צינד איך אָן
55 קאַרליקלעך
57 פון די טיפענישן
58 סטאַציעס
59 ווייַסע כאַטעס
60 אלינאָווי

ציטערדיקע טראַפּן

65 היסטאָריע
66 געאָגראַפיע
67 קיום
69 געשריבן האָט דער זיידע
70 זיי
71 כעלעם
72 קליינער רבי מייַנער
73 שלום־עליכם
74 גיי זוך יונג־ווילנע
75 יונג־ווילנע
77 דער דרוק פון דער אַלמנה און די ברידער ראָם
78 אצ״ג
79 געבן אַ תּיקון
80 מיט בלינדע טריט איבער דער ערד
81 זעלדע
82 משה רייַפער
84 ראובן אויערבאַך
86 דזשיגאַן

זענען די שטערן געוואָרן נידעריק

89 חצבה
90 אילת
91 כּורנוב
92 בית־שאָן
93 סדום
94 אין טאָל רימון
95 כּישוף איבער ציפּורי
97 נחל אורן
100 גמלא
104 אין מידבר פּאָרן
108 נימרוד (צו זײַן געבוירן ווערן)
112 אָאַזיס
113 יונג איז די נאַכט
114 פֿאַטמע
116 אין רמת־רחל
117 בויט מען אַ נײַע שטוב
118 מאה־שערים
121 ירושלים

ס׳רוב לידער אין דעם בוך ווערן געדרוקט לויט כתב־ידן וואָס זענען געבליבן אין עזבון פונעם דיכטער, פון פאַרשיידענע תּקופות. בלויז אַ קלענער טייל איז געווען געדרוקט פריִער אין די גאָלדענע קייט: „אליגאַווי", „נחל אורן", „גמלא", „אין מידבר פאַרן", „נימרוד".

נסדר בלינו־טור, רח׳ יסוד־המעלה 39, ת״א
נדפס בדפוס „אורלי", עקיבא איגר 8, ת״א